STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04604

YUNG-IDISH

Permanent preservation of this book was made possible
by the Karpman Family
in memory of
Dora & Samuel Karpman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל. מ. שטיין
שיקאגא

COPYRIGHT 1936 BY
SHOLEM ALEICHEM FOLK INSTITUTE
PRINTED IN U. S. A.

"YUNG YIDDISH" — CHILDREN'S LITERARY COLLECTION — ELEMENTARY SCHOOLS, HIGH SCHOOL AND ALUMNI, SHOLEM ALEICHEM FOLK INSTITUTE — L. M. STEIN, PUBLISHER. CHICAGO, ILL., 1936

יונג-אידיש

• זאַמלבוך •

שאַפונגען פון תלמידים פון די
שלום עליכם פאָלקשולן,
מיטלשול און אביטוריענטן.

רעדאַקטירט פון • •
י. ח. פּאָמעראַנץ
מיט די מיטלשולניקעס

ארויסגעגעבן פון • • • •
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט
שיקאַגע. ניינצן הונדערט
זעקס און דרייסיק. • • • •

ציכענונגען:

ע ט ל ש ט י י ן

קינדער און לערער פון שלום עליכם שול איינס:

ערשטע ריי: (זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס) הייליק, ווינאווסקי,, שניידער, סילווערמאַן, טענענבוים, פיינדער, ראבין, סיגאל, דאָרף און גערטלער. צווייטע ריי: מילמאַן, האָפמאַן, פיינדער, פוטערמאַן, פריש, לערער פּאָמעראַנץ, פריד, דוואָרקין, מאַרקין און עדלסאָן. דריטע ריי: ראָזנשטיין, מילמאַן, קארנא, מאנעוויטש, יאשפע, גינזבורג, גאליק, ריד און פוטערמאַן. פערטע ריי: האָפמאַן ראָזנפעלד, (ח) וואָרען, (ג) וואָרען, גרינשפאַן, מאַרקין, סעקס און לעדערמאַן.

די לערער און שול טוער פון צען יאר שלום
עליכם פאלקשולן אין שיקאגע — געווידמעט.

אריינפיר

דאָס זאַמלבוך „יונג אידיש" איז ראשית כל אַ שול אַרבעט. עס איז אַ רעזולטאַט פון דער שרייב־אַרבעט וואָס די שול קינדער האָבן לרוב געטאָן אין זייערע היי יאָריקע אידיש קורסן. אַחוץ די אַרבעטן פון אונדזערע אביטוריענטן, טראָגן אַלע קינדער שאַפונגען דעם שטעמפּל פון שול פּראַקטיק. ניִשט נאָר פאַרמינערט דער פאַקט ניט דעם ווערט פון דער אויסגאַבע, נאָר אדרבה, פונעם אידישן שול שטאַנדפונקט, גיט ער צו אַ וויכטיקן פּליוס.

בכלל שרייבן קינדער ליבערשט איבער טעמעס וואָס באַרירן זייער אייגענעם איך אָדער זייערע נאָענטע סביבות. אַזוינע טעמעס זיינען נעענטער צו זייער פאַנטאַזיע און אויך צו דער ספערע פון זייער שפּראַך אוצר. נאָך מער אמתדיק איז דאָס בנוגע אונדזערע קינדער פון די אידישע שולן. אינעם פּרט פון אידיש, איז זייער נאָענטסטע סביבה — די היים און די שול — זיכער דער, אויב ניט איינציקער, קוואַל פון שפּראַך קענטעניש פונקט ווי — דער קוואַל פון איד קענטעניש. אַט דאָ שאַרפט זיך אויס די אומצעשיידבאַרקייט פון דער טעמאַטיק מיט דער שפּראַך.

אין דעם זין זיינען אַלע קינדער דערמוטיקט געוואָרן אין זייער שרייב אַרבעט און אַזוי אויך דאַרפן זיי געשאַצט ווערן פון דעם לייענער. אין די שאַפונגען דאַרף זיין ניכּר ניט נאָר די טעכניק פון קינדערשן געדאַנקען־אויסדרוק, נאָר אויך די עמאָציאָנעלע ראָם פון די שייכותן צווישן אונדזערע קינדער מיט זייערע אידישע סביבות.

אינעם אָפּטייל „קינדער לעבן" באַטייליקן זיך די קינדער פון די לעצטע צוויי קלאַסן. אונדזערע מיטלשולניקעס און אַביטוריענטן (אַלומניי) באַרירן שוין יוגנט־פּראָבלעמעס וואָס זיינען גאַנץ אַקטועל

אין אונדזער אַלגעמיינער קולטור אַרבעט. אינעם זאַמלבוך דער־שיינען אַפּריער די שאַפונגען פון די עלעמענטאַרע שול קינדער און דערנאָך פון מיטלשולניקעס און אביטוריענטן.

די אַרבעט אַרום זאַמלבוך איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער נחת־רוח און אַזוי אויך טוט מיר הנאה איצט צו באַגריסן אַלע באַטייליקטע יונגע שרייבער מיט אונדזערע דערגרייכטע רעזולטאַטן. אַ יישר כוח פאַרדינען ספּעציעל די מיטלשולניקעס פאַר זייער גוטער מיטהילף אין דער רעדאַקציע אַרבעט.

י. ח. פּאַמעראַנץ, לערער

שיקאַגע, מאַי
ניינצן הונדערט . .
זעקס און דרייסיק.

קינדער און לערער פון שלום עליכם שול צוויי

ערשטע ריי: (זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס) קאַפּעלס, וועבער, פינק, לעוויץ, זאַקאַנסקי, לאַכמאַן, ווינעצקי, לימענעס, בראַנשטיין, און גוראַלניק. צווייטע ריי: לערער פּאַמעראַנץ, ווינער, לעווינסקי, טעסעל, ווילקס, קאַפּעלס, ריבאַק, גליק, ווינעצקי, (כ) פּאַמעראַנץ, (ש) פּאַמעראַנץ, הענדלער און ליפּמאַן. דריטע ריי: לעווין, לידער, שווארץ, נעש, מילינסקי, בלאַק, ריבאַק, גוראַלניק און לערערין פּעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ. פערטע ריי: אימערמאַן, ליבאָוו, העללער, אדערבערג, לאַכמאַן, קאַהן, בלאַנק, שטיינבערג און בן־עמי.

פון דער רעדאַקציע

נאָך עטלעכע כאָדאָשים פון שווערער ענערגישער אַרבעט, נאָך פיל געררודער און טומל אין און אויסער די קלאַסן, איז אונדז געלונגען אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך שריפטן פון די קינדער פון די שלום עליכם עלעמענטאַרע פאָלקשולן און מיטל שול לעקאָוועד דעם צעניאָריקן יובילײ פונם שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט אין שיקאַגאָ. די אַרבעט איז אינגאַנצן אַן אייגנאַרטיקע; די קאָמפּאָזיציעס און עסייען אינם זאַמלבוך זיינען טאַקע געשריבן געוואָרן פון די קינדער אַליין, און נישט פון די עלטערן אָדער פון דעם לערער. דאָס איז אַן עקספּערימענט אויף וואָס אונדזער לערער, כאַווער פּאָמעראַנץ, האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט. אינם זאַמלבוך זיינען געדרוקט אַרבעטן פון פאַרשידענע מאָטיוון, צום גרעסטן טייל—אָטאָביאָגראַפישע, מיטן הויפּט געוויכט אויף דער ווירקונג וואָס די שולן האָבן געהאַט אויף דעם באַוואוסטזיין פון די קינדער; קינדער מייסעס און לידער; און קורצע עסייען אויף סאָציאַלן מאָטיוו, מיטן קינדערשן נאַאיוון סטיל, אין וועלכע מיר קאָנען דערפילן די פאַרשטענדעניש וואָס די קינדער האָבן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען.

די רעדאַקטאָרן זיינען געווען די שלום עליכם מיטלשולניקעס, און כאַווער פּאָמעראַנץ. די הויפּט אַרבעט פון די רעדאַקטאָרן איז נישט געווען (ווי מען וועט באַמערקן דורכלייענענדיק דאָס בוך) צו קאָרעקטירן דיקדוק, שפּראַך, און געדאַנק, ניט צו מישפּעטן און פאַרמישפּעטן, נאָר צו געבן אייצעס די שרייבער ווי אַליין איבערצואַרבעטן זייערע קאָמפּאָזיציעס. באַם אויסקלייבן די אַרבעטן פאַרן זאַמלבוך האָט די רעדאַקציע זיך גערעכנט מיט די באַמיאונגען פון די שרייבער. מיר זיינען געזעסן מיט די קינדער אין די קלאַסן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד און געלייענט פאַר זיי זייערע אַרבעטן און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דעם איניעז זאַמלבוך. די קינדער האָבן געפילט אַז דאָס בוך איז טאַקע זייער

זאַך. עס לוינט זיך צו באַמערקן אַז די קינדער פלעגן פּראָטעסטירן ווען די רעדאַקטאָרן האָבן זיי שאַרף קריטיקירט.

זיי זיינען זיכער געווען גערעכט אָפטמאָל, אָבער עס איז אויך טאַקע געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר, די מיטלשולניקעס, האָבן געהאַט אַזאַ געלעגנהייט און, פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך אַ ביסעלע געוואָלט אַרויסווייזן אונדזער גרויסקייט. אָבער שרעקט זיך נישט, כאַווער פּאָמעראַנץ האָט אונדז אַלעמען אויפמערקזאַם געמאַכט אַף אונדזערע טאָעסן. אַזעלכע גרייזן ווי נישט ריכטיקע פאָרמען פון „די, דער, דאָס", דורכשניטלאַכע אַנגליציזמען, איבער־געזעצטע אויסדרוקן זיינען ניט קאָרעקטירט געוואָרן ניט כאָס ווערשאָלעם צוליב דעם אומוויסן פון דער רעדאַקציע נאָר צוליב עקספּערימענטאַלע צוועקן. דאָס שפּיגלט טיילווייז אָפּ די סוויוועס אין וועלכע די קינדער לעבן.

מיר האָבן אויך, לײדער, נישט געקאָנט קאָנטראָלירן אינגאַנצן די איינהייטלאַכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע.

עטלאַכע אַרבעטן אין אונדזער זאַמלבוך אילוסטרירן אונדזער פּרינציפּ פון פרייען אויסדרוק.

מיר זיינען זייער צופרידן געווען צו דרוקן די אַרבעטן פון אונדזערע אביטוריענטן, טאַלמידים וואָס האָבן געענדיקט די שול שוין מיט עטלאַכע יאָר צוריק און זיינען שוין ווייטער פון אונדז אַוועק אין לעבן. מיר קאָנען דאָ ניט גלייכגילטיק פאַרבייגיין דאָס וואָס צווישן אָט די אַמאָליקע טאַלמידים אונדזערע פעלט די טייערע צירל גאָרדאָן וועלכע איז מיט עטלאַכע יאָר צוריק אַזוי פּריצייטיק געשטאָרבן.

* * *

ניט קיין לויב געזאָגט, נאָר אַ גרויסן דאַנק דריקן מיר דאָ אויס אונדזער כאַווער און לערער י. ח. פּאָמעראַנץ פאַר זיין שווערע, אָנגעשטרענגטער מי וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אין אונדזער זאַמלבוך.

כאַווער ל. מ. שטיין און אַנדערע כאַווײרים האָבן פיל מיטגע־האָלפן אין דער אַרבעט. זיי אַלעמען אונדזער דאַנק.

קינדער לעבן

ווער האָט דאָס אַלץ געטאָן?

איר זעט אונדזער בוך און איר מוזט שוין וויסן אַז מיר קינדער האָבן דאָס אַלץ געטאָן. אָבער וואַרט! פאַרגעסט ניט דעם וויכטיקסטן פּערזאָן אין אונדזער בוך, אונדזער לערער כאַוער פּאָמעראַנץ. ער, לויט אונדזער מיינונג, און מיר וויסן אַז איר וועט מיט אונדז איינשטימען, האָט געטאָן אַסאַך מער פאַרן בוך ווי מיר אַלע.

ווער האָט דאָס בוך רעדאַקטירט און צונויפגעשטעלט?— אונדזער לערער. ווער האָט געדאַרפט אַרבעטן שווער אַז מיר זאָלן שרייבן די אַלע קאָמפּאָזיציעס?—אונדזער לערער. איר זעט שוין אַז די מערסטע אַרבעט האָט אונדזער לערער געטאָן אָבער מיר נעמען דעם קרעדיט. דאָס איז ניט ריכטיק. מיר דאַרפן דאַנקען כאַ־ווער פּאָמעראַנץ פאַר דאָס אַלץ, און איר דאַרפט ליבן אונדזער לערער אַזוי גוט ווי אונדז.

ווען מיר האָבן געדאַרפט שרייבן קאָמפּאָזיציעס, האָבן מיר עס אָפּגעלייגט טאָג נאָך טאָג און נישט געשריבן. אָבער כאַווער פּאָמעראַנץ האָט געזאָגט: „דאָס בוך דאַרף געדרוקט ווערן”— און מיר האָבן געשריבן.

פאַרוואָס האָט כאַווער פּאָמעראַנץ געוואָלט אַרויסגעבן דאָס בוך? ער האָט געוואוסט אַז עס וועט זיין אַ שווערע אַרבעט,

אבער ער האט אויך געוואוסט אז ווען איר וועט לייענען אונדזערע קאמפאזיציעס וועט איר אונז ליבן און ער האט דאס געוואלט.

כאוועד פאמעראנץ איז א גוטער לערער און ער האט עס געטאן פאר די קינדער וועגן און מיר דארפן אים אלע דאנקען דערפאר, מיר אלע דאנקען אייך, כאוועד פאמעראנץ, פאר דער הילף וואס איר האט אונדז געגעבן און פאר דער גוטער ארבעט וואס איז דערפון ארויסגעקומען. איך ווייס אז איר אלע לייענער זייט איינשטימיק מיט אונדז!

פארן גראדואיר קלאס,

גרשון העללער.

סיני בלאנק
13 יאָר.

מיין לעבן

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך געדענק זיך.

איך בין געבאָרן געוואָרן אויגוסט 2, 1923, אין דעטראָיט. מיין זיקאָרן ציט מיך צוריק עלף יאָר צו אַ הויז זעכציק מייל פון שטאָט. ס'איז געווען אַ איין־שטאָקיקע געבידע פון זעקס צימערן.

ווען איך בין געווען זעקס מאָנאַטן אַלט האָט מיר מיין פאָטער געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון דעם „אידישן סעמינאַר". און דערנאָך איז מיר אָנגעקומען אַ דאַנק בריוו פון חבר ענטין וואָס איך האָב ביז היינטיקן טאָג.

ווען איך בין געווען אַ קליין קינד האָט מיין פאָטער מיך אויס־געלערנט אידישע פאָעמעס און לידער פון באַוואוסטע אידישע דיכטער.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ דאָקטאָר.

איך האָב ניט געקענט שפּאַנען זייער גוט ווייל איך בין געווען אָנגעטאָן אין אַסך קליידער, איך בין געווען אַ פעט קינד. אונדזער שכנה איז געווען אין הויז און האָט מיך צוגערופען געבן אַ בלייפעדער. גייענדיק צו איר בין איך צוגעפאַלן צום טיש און צעקלאַפּט מיין שטערן. אַזוי ווי מיר זיינען געווען וויט פון שטאָט, האָבן מיר געדאַרפט פאָרן 2 מייל צו אַ שטעטלשן דאָקטער. ער האָט ניט געוואוסט ווי צו פאַרנייען מיין שטערן, האָט ער עס פאַרקלעמט און איך האָב ביז היינטיקן טאָג און וועל האָבן אויף אייביק אַ סימען אויפן שטערן. דעם זעלבן טאָג זיינען מיר צוריקגעפאָרן צום שטאָט אָבער עס איז געווען צו שפּעט אויפצונייען מיין שטערן.

מיין פאַמיליע.

איך האָב געהאַט מיין נאָענטע פאַמיליע אַרום זיך. אונדזערע פריינט פלעגן קומען צו גאַסט. די מאַמע, אַ מיטלוואוקסיקע איז געבוירן אין אַרגענטינע. זי האָט ניט געקענט אַסך אידיש ווען זי איז געקומען קיין אַמעריקע, אָבער זי איז סיי־ווי־סיי געוואָרן זייער

טעטיק אין דעם שלום עליכם אינסטיטוט. זי האָט דורכגעמאַכט א קאָנסערוואַטאָריע פון מוזיק אין ארגענטינע. מיין פאָטער א קורץ וואוקסיקער, טראָגט ברילן און האָט געהאַט געלט. ער פלעגט מיר יעדעס מאָל געבן אַ שפּילכל און איך האָב געקראָגן וואָס מיין הארץ האָט געגלוסט. ער איז געווען זייער אַ טעטיקער מיטגליד אינם שלום עליכם אינסטיטוט און האָט געהאַט אַסך פריינט אין די שולן. כּאָוער בערקאָוויטש פלעגט מיך אַסך מאָל קומען זען.

ביי אונדז אין הויז פלעגט מען כּסדר רעדן אידיש. איך געדענק ווען פּרץ הירשביין און דוד פּינסקי זיינען ביי אונדז אין הויז צו גאַסט.

מיין באָבע, א מיטלוואוקסיקע, א פעטע, מיט קנייטשן אויף איר גאַנץ געזיכט איז געווען זייער טייער צו מיר. מיין פעטער, א הויכער מיט ברילן, האָט וואנצעס. ער איז געווען אַ פיינער מענטש, ער האָט מיר אַלצדינג נאָכגעגעבן. די מענטשן זיינען געווען לעבן מיר די גאַנצע צייט.

מיין נייע סביבה — ענגלישע שול.

ווען איך בין געוואָרן זעקס יאָר אַלט האָט מען מיך געשיקט אין דער ענגלישער שול. מיין ערשטער טאָג אין שול איז געווען אַ פרייל
אכער טאָג אין מיין לעבן. איידער איך בין אריינגעגאַנגען אין שול האָט מיין מוטער מיך אויסגעלערנט לייענען אַסך ווערטער, דערפאַר איז מיר געווען גרינג מיינע ערשטע צוויי יאָר. איך געדענק אַז ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן פלעגט מיין מוטער מיר זאָגן אַז איך זאָל לייענען וואָס ס׳האָט זיך געזאָגט אויף די פענסטער פון די קראָמען.

ווייטערדיק לעבן.

פרילינג דעם זעלבן יאָר איז געוואָרן אין אונדזער הויז זייער ליכטיק און פריילאַך. מיין מאַמע האָט מיר אַ ברודערל געבראַכט אויף דער וועלט. ער איז געווען זייער אַ זיס, געראָטן קינד. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה. ווען מיין ברודער משה איז געבוירן געוואָרן האָבן מיר זיך איבערגעקליבן צו אַ הויז וואָס מיין פאָטער האָט געקויפט ווייט פון שטאָט. ס׳איז געווען לעבן אַ קליין טייכל, וואו איך האָב געהאַט אַסך פריילאַכע צייטן.

ביים טייך.

דארט ביים טייך זיינען די טעג געפלויגן ביי מיר. מיר פלעגן זיך גיין באדן צוויי מאל א טאג און אין די שטארקע היצן דריי מאל. ווען איך בין צוריקגעקומען פונם טייך האב איך געהאט אזא גרויסן אפעטיט אז איך האב געגעסן וואס נאר מיין מאמע האט מיר געגעבן. אין די הייסע באטאגן פלעגן מיר זיצן באם הויז אונטער די בוימער און זיך שפילן מיט פארשידענע שפיל זאכן. איך בין געגאנגען שלאפן ארום אכט אזייגער ווייל איך בין געווען יונג.

דעם זומער פון 1928 בין איך געווארן פינף יאר אלט. מיינע עלטערן האבן געפראוועט מיין געבורטסטאג. דריי אזייגער בייטאג זיינען אלע מיינע פריינט געקומען. ס'איז געווען עטלאד און צוואנ־ציק קינדער. מיר האבן זיך ארומגעזעצט בא א שיינעם געדעקטן טיש. אלע קינדער האבן מיר עפעס געדארפט ווינטשן. איך בין געווען דער לעצטער עפעס צו זאגן. איך האב באדאנקט מיינע עלטערן פאר מאכן דאס און מיינע פריינט פאר קומען און ברענגען מאטאנעס.

איבעראיאר האבן מיר זיך איבערגעקליבן צו א פארם. דארטן האב איך יעדן טאג געדארפט גיין צוויי און האלב מייל צו שול. זומער האב איך זיך געשפילט מיט מיין באוועך פרעדי.

מיין פריינט פרעדי איז געבארן געווארן אין אמעריקע פון סוועדישע עלטערן. ווען מיר האבן זיך באזעצט אויפן פארם איז געווען שווער צו צוברענגען דאס קינד צו אונדזער הויז, ווייל ער פלעגט מוירע האבן פאר מענטשן. זונטיק, ווען עס פלעגן קומען צו אונדז אסאך מענטשן און פריינט אנצוקוקן אונדזערע רעביטס, מיר האבן געהאט זייער אסך רעביטס, אריבער זעקס הונדערט, פלעגט פרעדי אנטלויפן אזוי ווי כייעס ווען זיי זעען מענטשן. ווען ער האט זיך צוגעוואוינט צו אונדז פלעגט ער שפילן מיטן הונט. ער פלעגט שפילן אזוי פרימיטיוו אז מען האט ניט געוואוסט וואס איז פרעדי און וואס איז דער הונט. ווען ער פלעגט שפילן אליין האט ער געשפילט ווי א הונט. מיט די פאדערשטע הענט פלעגט ער גראבן ערד און עס ארויפווארפן אויף זיך. פון דערווייטנס האט מען ניט געקאנט דערקענען צו דער הונט אדער פרעדי שפילט זיך.

ווען איך פלעג אים זאָגן ווי איך בין אַרומגעפאָרן איז זיין פאַנטאַזיע געווען אַזוי גרויס אַז ער פלעגט מיר זאָגן אַז צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז ער אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע מיט אַ לימאָזין. ווען איך פלעג אים פרעגן ווי אַלט ער איז האָט ער ניט געוואוסט. ער פלעגט אַמאָל זאָגן זעכציק יאָר, צען יאָר, און צוואַנציק יאָר.

ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין סקול האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ניט ערגער פון די אַנדערע קינדער אין זיין קלאַס.

איינמאָל זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען אין פעלד כאַפּן וועווערקעס. מיר זיינען אַנטקעגן געגאַנגען אַ גרויסער מאַשין וואָס שניידט גראָז אין פעלד. מיר זיינען געווען אַנגעטאָן זייער לייכט, ווייל ס׳איז געווען הייס. די מענער האָבן געשריען — „לוק אוט״ — איך האָב ניט געוואוסט וואָס זיי האָבן געמיינט ביז איך געגאַנגען ווייטער. פּלוצלינג האָב איך געפילט אַ שטאַרקן שניט אין פוס און איך בין אַנידערגעפאַלן; די פערד זיינען געשטאַנען. איך האָב געפילט אַז מיין פוס הענגט מיר נאָך און איך האָב אָנגעהויבן לויפן צום הויז. דער מאַן אויפן פערד איז מיר נאָכגעפאָרן, מיך אויפגעכאַפּט און מיך אַהיימגענומען אויפן פערד.

נאָך דעם צופאַל האָט מען מיך גענומען צו אַ דאָקטער און ער האָט מיין פוס פאַרנייט. ס׳איז געווען הייס און מיר איז געווען זייער אומעטיק. ניט איין נאַכט בין איך געלעגן וואַך. מיינע עלטערן האָבן זיך זייער געזאָרגט. נאָכדעם האָב איך ניט געקאָנט שפּאַנען פאַר זעקס וואָכן.

ביז 1931 האָבן מיר געוואוינט אין אַ שיין הויז אין דעטראָיט. דערנאָך זיינען מיר געפאָרן קיין קאַליפאָרניע.

אין דעצעמבער 25, 1932, האָט מיין פאָטער אָנגעפּאַקט אונדזער האָפּמאָביל און מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן קיין קאַליפאָרניע. זיבן אַזייגער אינדערפרי. איך האָב זיך אַרונטערגעגליטשט ביי דער פאַרענטשע פון די טרעפּ און איך האָב זיך אַריינגעשטאָכן אַ שטיק האָלץ אונטערן נאָגל פון פינגער. מיין פאָטער האָט מיך אַריינגענומען צו אַ דאָקטער און אַרויסגעשלעפּט דאָס שטיק האָלץ. זיבן אַזייגער זיינען מיר ניט אַרויסגעפאָרן. ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון דעטראָיט האָט שרעקלאַך גערעגנט. פאַרנאַכט זיינען

מיר ארייננגעפאָרן אין אַ טוריסט קעמפּ. מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע און זיך געלייגט שלאָפן זייער פרי. איידער די זון איז אויפגעגאנגען האָט דער טאַטע אונדז אויפגעוועקט און געזאָגט אַז ס׳איז שפּעט, ווייל דער גאַזאָלין סטיישאַן איז שוין אויפגעפּנט. איך מיט מיין ברודער זיינען געווען שלעפעריק און מיר האָבן ניט געוואָלט אויפשטיין, אָבער מיר האָבן געדאַרפט. מיר זיינען אויפגעשטאַנען און געגעסן און מיר זיינען צוגעפאָרן צום סטיישאַן קריגן געז, האָט זיך אויסגעוויזן אַז ס׳האָט זיך נאָך נישט פאַרמאַכט, ווייל ס׳איז ערשט געווען צוועלף אַזייגער ביינאַכט. אונדז האָט מען געלאָזט שלאָפן אין מאַשין און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן. אַזוי זייענען מיר געפאָרן יעדן טאָג.

די שענסטע ווירקונג האָט אויף מיר געמאַכט גלאָב, אַריזאָנאַ. דאָס איז געווען אַ שטאָט 6000 פוס אין דער הויך. די שטאָט איז געווען אויף דעם אָפּגרונט פונם באַרג און ס׳איז געווען אַ שרעק דורכצופאָרן די שטאָט. אויפן באַרג האָט מען גראָדע דאַמאָלסט געהאַלטן אין פאַרברייטערן דעם וועג. די שיינקייט פון אַרונטערקוקן האָט צוגענומען די שרעק.

אַזוי זיינען מיר געפאָרן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פרי אין על־פּאַסאָ, טעקסעס. האָט מיין פאָטער מיך געוואָלט נעמען צו אַ שיינעם באַרג וואָס מיר האָבן געזען. מיין פאָטער האָט געפרעגט דעם מאַן פונם טוריסט קעמפּ ווי מען גייט צום באַרג האָט ער געלאַכט און געזאָגט אַז דער באַרג איז מער ווי צוויי הונדערט מייל ווייט פונדאַנען.

על קענטראָ, אין פּידראַ טאַל, איז דער הייסטער פּלאַץ אין קאַליפאָרניע. אַ ווייסער מענטש קען דאָרט ניט לעבן אין זומער. מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט איבערנעכטיקן און אונדזער מאַשין איז פאַרפרוירן געוואָרן. אַזוי זיינען מיר געפאָרן, און מיר זיינען אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס צום ניי יאָר.

מיין רייזע פון קאַליפאָרניע.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן פון אויגוסט האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער רייזע פון לאָס אַנדזשעלעס קיין שיקאַגאָ. אַ פּאָר כאַדאָשים פריער איז מיין פאָטער אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגע און איך בין געווען זייער פריילאַך וואָס מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן צום

טאטן, אויך טרויעריק ווייל איך האָב געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן מיין באָבע מיט מיין פֿעטער. איך האָב געהאַט אַסך גוטע צייטן מיט זיי, וואָס איך וועל ניט פֿאַרגעסן.ביים סטאַנציע האָבן מיר זיך צוקושט אַסאַך מאָל און זייער געוויינט און זיך ניט געוואָלט צעשיידן. אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן און צען אַזייגער אינדערפֿרי, אויגוסט 12, 1932, האָבן מיר זיך געלאָזט אויפֿן וועג.

ארום אונדז האָבן מיר געזען פֿרעמדע פּענעמיר; אַלע זיינען געווען גויאים קימאַט אַלע זיינען געווען לייטישע מענטשן, אָבער איין מאַן איז אַלעמאָל געווען שיקער. ביי יעדער סטאַנציע פֿלעגט ער אַרונטערגיין כאַפּן אַ טרונק און אַרויפֿגעקומען טויט שיקער. ער פֿלעגט זיך טשעפּן צו אַלע מענטשן און איינמאָל איז ער געוואָרן אַזוי שיקער אַז ער האָט אַרויסגענומען די געלט פֿון זיינע קעשענעס און געוואָלט עס אַרויסוואַרפֿן דורכן פֿענסטער.

אויפֿן וועג האָט מען געגעבן די פּאַסאַזשירן גרויסע עפּל מיט באַרן און אַנדערע פּרוכטן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין סאַן דיאייגאָ, וואו מיר האָבן געגעסן וועטשערע. סאַן דיאייגאָ איז 135 מייל פֿון לאָס אַנדזשעלעס, לעבן פּאַסיפֿישן ים און זייער אַ שיינע שטאָט. דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען איבער די גרויסע בערג וואָס מען רופֿט זיי די ראָקי מאָונטענס. איך האָב דאָרט געזען אַסך שיינע סצענעס און מיר האָבן געזען קליינע שטעטלאַך וואו מען זעט די „קאָובאָיס".

דער מאַן וואָס טרייבט דעם „באָס" טרייבט ניט דעם גאַנצן וועג. ער טרייבט נאָר ביז אַ באַשטימטע פּלאַץ. ווען איין טרייבער באַגעגנט אַז אַנדער טרייבער גייען זיי אַריבער צום אַנדערן „באָס" און פֿאָרן צוריק.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אַ צופֿאַל וואָס איך האָב געהאַט פֿאָרנדיק דורך טעקסאַס. איך בין אויפֿגעשטאַנען אין מיטן נאַכט און געפֿונען אַז עס זיינען ניט געווען קיין מענטשן אין „באָס" בין איך אַרונטערגעגאַנגען. איך האָב געזען דעם טרייבער אין גאַזאָלין סטיישאַן און איך האָב אים געפֿרעגט וואו אַלע זיינען נעגאַנגען האָט ער מיר געזאָגט אַז די מענטשן זיינען געגאַנגען שפּאַצירן ווייל ס'איז געווען זייער אַ שיינע נאַכט. אין צען מינוט זיינען אַלע צוריקגעקומען.

מיר האָבן אַסך שלעכטיקייטן געהאַט מיטן „באָס". אַלע מאָל האָט זיך צעבראָכן אַן אַנדער טייל פונם „באָס" און ס'האָט אונדז גענומען זעקס טעג מיט פינף נעכט פאָרנדיק פון קאַליפאָרניע קיין שיקאַגע.

אינדערפרי פון נעקסטן טאָג זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין סיינט לואיס אַרום 300 מייל פון שיקאַגע. ס'איז געווען מיין ערשטע מאָל וואָס איך בין געווען אין שיקאַגע און איך בין געווען זייער באַגייסטערט. מיר זיינען געווען זייער צופרידן אַרויסצוגיין פונם „באָס" און מיר האָבן זיך גלייך גענומען גיין צו מיין פאָטער.

מיין נייע סביבה — אידישע שול.

אין יאָר 1934 האָט מיר מיין מוטער אַריינגעשריבן אין שלום עליכם אינסטיטוט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין נעגאַנגען אין אַ אידישער שול זיך צו לערנען און איך בין געווען זייער באַגייסטערט.

מיין ערשטער לערער איז געווען כאַוור בערקאָוויטש. ער איז זייער אַ באַוואוסטער לערער און ער האָט געלערנט אין גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדע. ער איז זייער הויך און שטאַרק און ווען איך זע אים אויפן גאַס און איך וויל אים אָפּגעבן קאַוועד און דערלאַנגען אים אַ האַנט דאַרף איך זיך היטן, ווייל נאָכן באַגעגענען זיך טוט מיר וויי די האַנט אַ גאַנצע שעה. איך דענק ניט אויב ס'איז דאַ אויף דער גאַנצער וועלט אַזאַ לערער און גוטער פריינט וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב ווי כאַוור בערקאָוויטש.

אין דעם ערשטן קלאַס האָב איך געלערנט צו לייענען אַ אידיש ביכל און אויך צו שרייבן, אין צווייטן קלאַס האָב איך געהאַט כאַוור פאַוור'ס ווערק און אידישע געשיכטע פאַר אַנפאַנגער. אין דריטן קלאַס בין איך ניט געווען, ווייל כאַוור בערקאָוויטש האָט מיך גענומען אין פערטן. אין פערטן קלאַס האָב איך געלייענט שלום עליכם'ס ביכער—מאָטל פּייסי דעם חזן'ס און מייסעס פאַר אידישע קינדער. איך האָב אויך געלערנט ש. דובנאָוו'ס אידישע געשיכטע. דאַן איז געקומען וואַקאַציע און כאַוור בערקאָוויטש איז צוריקגעפאָרן אין דעטראָיט, ווייל ער איז געווען קראַנק.

דער ווינטער פון 1935 האָט געבראַכט כאַוור פאַמעראַנץ — מיין נייעם לערער. ער איז אַ קורצער מאַן, טראָגט ברילן און

זשאַלעוועט אונדז ניט קיין אַרבעט. ער ווייסט אַז מיר קענען טאָן און אַז דורך אַרבעט וועט ער אונדז מאַכן פאַר מענטשן. דערפאַר האָב איך אַסאַך רעספּעקט פאַר כאַווער פּאָמעראַנץ.

מיר האָבן געדאַרפט גראַדואירן ווען ער איז געקומען לערנען. אָבער ער האָט געזאָגט אַז ער ווייסט ניט צו מיר קענען גענוג אידיש, האָט ער אונדז אָפּגעהאַלטן. מיר האָבן אָפּגעלאָזט שלום עליכם און זיך גענומען צו פּרץ הירשביין'ס קינדער יאָרן. כאַווער פּאָמעראַנץ האָט אונדז אויך געגעבן צו לייענען וויינשטיין'ס בילדער פון אידישן אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע.— איצט בין איך אין גראַדואיר קלאַס פון שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט פון שיקאַגע.

רחל אימערמאַן
13 יאָר.

פרילינג

דער ווינטער איז שוין אוועק
אריבער איז שוין דער שרעק
דער פרילינג איז געקומען
מיט זיינע שיינע בלומען.

פרילינג פרילינג, דו ביסט אזוי שיין
מיט דיין נאַטירלאכן כיין
מיר וואַרטן אלע אף דיר
מיט א געעפנטער טיר.

ספאַנגט זיך אָן א נייער לעבן
פאר די קליינע קינדערס וועגן
די זון נעמט שיינען שיין און ווארים
און פון די קליינוואַרג ווערט א ליאַרים.

די בוימער פאנגען אָן צו בליען
און די פייגעלאך נעמען פליען
זיי פאנגען אָן בויען זייערע נעסטן
און פארגעסן אָן די פרעסטן.

גרשון העללער

14 יאָר.

מיין לעבן

איך בין איצט אַלט דרייצן יאָר און עס וואָלט געווען אַ פּראָבלעם זיך צו געדענקען פונם ערשטן טאָג אָן. וועל איך אָנהייבן פון ווען איך געדענק זיך.

דאָס האָט געמוזט זיין ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר. אַ אינטערעסאַנטע איבערלעבונג פרישט מיין זיקאָרן. עס איז געווען אַ זונטיק, בין איך אהיים געקומען פון צירק מיט מיין טאַטן. מיין מאַמע וועלכע האָט ניט שטאַרק געגליכן צירקס איז ערגיץ געגאַנגען און אהיים געבראַכט קליינע פלעשלאַך פּאַרפיום. אַז איך האָב דער־שמעקט דעם פּאַרפיום, האָב איך זייער געוואָלט עפענען דאָס פלעשל, אַזוי ווי יעדנס קינד'ס מידעס. האָב איך גענומען קלאַפּן מיטן פלעשל אין האַנט ביז — פּלאַץ!! איך האָב דאָס פלעשל צעבראָכן און אַ שטיקל גלאָז האָט זיך אריינגעשטאָכן אין מיין האַנט און בלוט האָט אָנגעהויבן גיסן. איר מוזט פאַרשטיין ווי איך האָב געשריען. די וועלט האָט זיך שיר ניט איבערגעקערט. מיין טאַטע און מאַמע זיינען צוגעלאָפן און ביידע צוזאַמען געשריען: "ווייי צו מיינע יאָרן, וואָס האָט מיט דיר געטראָפן!" מיין מאַמע האָט זיך באַלד באַהערשט אָבער מיין טאַטע — זיינע קוילעס זיינען געפלויגן צום הימל. פון דעם אינצידענט איז מיר געבליבן אַ סימן אויף דער האַנט און פון דאָן געדענק איך זיך.

איך האָב דאַן געהאַט אַ פּאָר פריינט, ניט קיין קליינע, גאַט זאָל אָפּהיטן, נאָר גרויסע דערוואַקסענע מענטשן. זיי זיינען ניט געווען אַזוי מיינע פריינט, ווי מיינע עלטערנס.

עס האָט געוואוינט אין אונדזער הויז אַ גרויסע פאַמיליע. וויפל ווייס איך ביז היינט ניט. איך געדענק בלויז אַ פּאָר עלטערע מענטשן מיט זייערם אַ יונג מיידל, מיט אַ יאָר צען עלטער פון מיר. אירע עלטערן פלעגן מיך רעכענען פאַר איינעם פון דער מישפּאָכע. די מיידל, ווי קליין איך בין געווען, פלעגט זיך מיט מיר שפּילן. זיי האָבן געהאַט גוטע זאַכן צום נאַשן.

לעבן אונדזער שטוב איז געווען אַ דראָג סטאָר. זיינען דאָרטן געווען צוויי זין מיט אַ פאָטער. זיי האָבן געהייסן גאָלדבערג, נאָר אַזוי ווי איך האָב ניט געקענט אַרויסרעדן אַזאַ שווער וואָרט, פלעג

איך זיי רופן מיטן צונאָמען "באָגי." איינער פון די זין, אַרן, איז געווען אַ גוטער, ווייל ער פלעגט מיך אוועקזעצן אַף זיין שוים און דערציילן מייסעס אָדער גאָר אַמאָל עפּעס געבן. דער אַנדערער איז גראָדע געווען פאַרקערט. אַז איך פלעג אַהיימקומען אומעטיק, האָט מיין מאַמע שוין געוואוסט אַז אין סטאָר איז דאָן געווען סאָל.

און איצט ווען די גאָר בעסטע פריינט מיינע. ווען מיין טאַטע־מאַמע. מיינע ביידע עלטערן זיינען קליינע, דערפאַר עפּשער קומט מיר אָן שווער אויסצוואַקסן גרויס. מיין טאַטע, אַסאַך ווייסן שוין, איז אַ פּאָעט און האָט אַרויסגעגעבן שוין אַ בוך מיט לידער. (דאָס איז ניט קיין אַנאַנס).

מיין טאַטע פלעגט אין יענער צייט אויפהענגען בילדער פון די גרעסטע מענטשן אַף אונדזערע ווענט. איך פלעג שוין וויסן ווער עס איז אַ פּאָעט און ווער — אַ וויסנשאַפטמאַן. איך האָב דאַן אַליין געוואָלט ווערן אַזאַ וויסנשאַפטמאַן ווי דאַרווין.

מיין מאַמע איז נאָך קלענער פון מיין טאַטן. זי איז דאַן ניט געווען קיין גרויסע קעכערין און האָט זיך זייער אָפּגעגעבן מיט מיר. זי האָט מיט מיר אַסאַך געלערנט און אַלע שכיינים פלעגן זאָגן אַז איך וועל מוזן אויסוואַקסן אַ קלוגער פאַרשטענדלאַכער מאַן. מיינע עלטערן האָבן טאַקע אַסאַך אויפגעטאָן פאַר מיר און איך בין זיי זייער דאַנקבאַר.

ווען איך בין אַלט געווען 5 יאָר, האָב איך שוין אָנגעהייבן גיין אין דער ענגלישער שול. דאָרט בין איך געוואָרן אַ גוטער שיינגעץ. ניט גערעדט אַ וואָרט אידיש, אָבער באַלד האָב איך אָנגעהייבן גיין אין דער אידישער שול און שטאָלץ בין איך געווען ווען איך האָב געקאָנט דערציילן די גויעשע אינגלאַך אַז איך האָב "האָומוואָירק" פון צוויי סקולס. סאיז מיר אַפילו ניט גוט געווען צו טאָן היימאַרבעט פון ביידע שולן, אָבער איך האָב געטראַכט: אין דער ענגלישער שול מוז מען גיין און איך בין דאָך אַ איד וואָס אינטערעסיר זיך מיט אידיש און וויל זיין אַ גוטער איד — מוז איך גיין אין דער אידישער שול.

אידישע שרייבער.

פון אַלע לימודים אין דער אידישער שול האָב איך זייער ליב ליטעראַטור. פון אַלע אידישע שרייבער וועלכע איך האָב געלייענט, זיינען נאָר אַ פּאָר טאַקע איינגעקריצט אין קאָפּ.

איינער פון זיי איז אַ גרויסער באַרימטער שרייבער, און זיינע ווערק, אויב איך מאַך ניט קיין טאָעס, ווערן געלייענט איבער דער גאַנצער וועלט. איך האָב געלייענט איינע פון זיינע באַרימטסטע ווערק: "מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס". לויט מיין באַגריף איז דאָס געשריבן זייער קונציק. ער ברענגט שטאַרק אַרויס די הומאָריס־טישע זייט פונם לעבן, ווי טרויעריק עס מעג זיין. אַ ביישפּיל דערפון קאָן מען זען אין דעם קאַפּיטל: "מיר איז גוט—איך בין אַ יתום." מאָטלס טאַטע שטאַרבט און אַלע ווייסן אַז דאָס איז ניט קיין גליקלאַכע געשעעניש. אָבער שלום עליכם ברענגט אַריין אַסאַך קאָמישע איינצלהייטן, וואָס ציינן אויף אַז ווי טרויעריק עס איז, איז נאָך אַלץ דאָ אַ קאָמישע זייט אין דעם. אַ שרייבער וואָס זאָל דאָס קאָנען אַרויסצייגן, דאַרף זיין זייער קלוג און קונציק און דאַרף קאָנען שרייבן גרויסאַרטיק.

דינעזאָן איז נאָך אַ שרייבער וועמעס ווערק איך האָב גע־לייענט. ער איז ניט אַזוי באַרימט ווי שלום עליכם אָבער זיין "יאָסעלע" איז אַ גרויסע זאַך. ווען מיר האָבן עס געלייענט אין קלאַס, האָבן זיך באַ יעדן איינעם געשטעלט טרערן אין די אויגן. אויב אַ שרייבער קאָן דאָס טאָן איז ער אַ גרויסער קינסטלער. דינעַ־זאָן גייט אַריין אין דעם לעבן פון אַן אָרעמען אינגל און באַשרייבט עס זייער גוט. דער אינגל ווערט באַשמוצט פון אַלעמען ווייל ער איז אָרעם. זיין מאַמע שטאַרבט און ער לעבט אַ שרעקלאַך לעבן ביז ער שטאַרבט אַן אָרעמער אינגל. דינעזאָן ברענגט דעם לייענער אין אַן אומעטיקער אַטמאָספּערע און מע קען גלויבן אַז דאָס אינגל שטייט לעבן אייך און אַז אַלץ פּאַסירט אַף אַן עמעס. נאָכן לייענען דאָס בוך, שרייט איר אויס מיט אַלע אייערע קויכעס: "אָ, גאָט, פאַרוואָס דאַרף עס זיין אַזוי?"

איצטער לייען איך אַ בוך פון פּרץ הירשביין "קינדער יאָרן". עס איז זייער אַ אינטערעסאַנט בוך, אָבער עס האָט נאָר איין כיסאָרן, ער גייט אַריין אין צופיל איינצלהייטן, און דאָס מאַכט דעם בוך שווער צום לייענען.

איין זאַך באַמערק איך באַ שיר ניט אַלע אידישע שרייבער: יעדערער שרייבט פונם אידישן לעבן. ענגלישע שרייבער שרייבן אַסאַך אַנדערע זאַכן אַכוצן ענגלישן לעבן. באַ מיר קומט אויס אַז

דער אידישער שרייבער זעט עפּעס אין לעבן וואָס דער ענגלישער שרייבער זעט ניט.

נו איך בין שוין דרייצן יאָר אַלט. איך האָב שוין געענדיקט פּאַבליק סקול און איך וועל אויך באַלד גראַדואירן פון דער אידישער עלעמענטאַר שול. אַזוי ווי איך וועל נאָך וואַקסן און עלטער ווערן, קאָן איך נאָך ניט שרייבן "ענדע" נאָר איך וועל זאָגן:

פאָרזעצונג פאָלגט.

שלמה ווינעצקי
13 יאָר.

אַ קינד אין דער נאַכט

מיין טייער קעצעלע!
קום אַהער צו מיר,
איך וועל דיר דערציילן
וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר.

עס האָט פּאַסירט שפּעט אין דער נאַכט,
ווען איך האָב אין בעט אַזוי לאַנג געטראַכט;
דער ווינט האָט געבלאָזן מיט אַ טרויעריק קאָל
עס קלינגט מיר אין קאָפּ אפילו דאָס מאָל.

"איז עמיצער אהיים, — האָט אַ אינגל געשריען
איך וויל עפּעס עסן און אַ פּלאַץ צו אַפּרוען".
איך בין געלאָפן עפענען די טיר
און געבעטן דעם אינגל צו שלאָפן מיט מיר.

ער האָט זיך געפרייט און האָט מיר באַדאַנקט
און אַריין אין שטוב, זיך געזעצט אַפן באַנק;
איז ער געשלאָפן מיט מיר אין מיין בעט
אין זיין לאַנגן דרעמל האָט ער גערעדט . . .

אַף מאָרגן ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט
איז דער קליינער אינגל שוין פון מיר אַוועק . . .

רחל אימערמאן
13 יאָר.

מיין לעבן

פון ווען איך געדענק זיך

מיין געדאנק פירט מיך אוועק צו דעם טאָג ווען איך האָב זיך ערשט דערקענט:

ווי איך געדענק איז געווען אַ הייסע נאַכט ווען איך בין גע־גאַנגען שלאָפן מיט מיינע קינדערשע געפילן. צו האָבן זיסע כאַ־לוימעס. איך בין איינגעשלאָפן זייער געשמאַק און אין מיטן דער נאַכט האָט פאַסירט אַז איך בין ארויסגעפאלן פון מיין בעט. איך האָב זיך זייער דערשראָקן און גענומען שרייען. מיינע עלטערן האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיינען צוגעלאָפן מיט גרוים שרעק. זיי האָבן מיך באלד גענומען אין שפּיטאָל, און דער דאָקטער האָט גע־זאָגט אַז איך האָב צעבראָכן מיין האנט. מיין מאמע האָט זיך זייער דערשראָקן און געפרעגט וואָס ער, דער דאָקטער, קען טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען עס באַנדאַזשירן ווייל עס איז ניט אזוי גע־פערלאַך. ער האָט עס באַנדאַזשירט און מיינע עלטערן האָבן מיך אהיימגענומען. פארשטייט זיך, ס'איז מיר ניט געווען קיין פאַר־געניגן ארומצוגיין מיט מיין גאנצער האנט באנדאזשירט אין די היצן, אָבער איך האָב עס געמוזט טאָן. איך האָב זיך אָפּגעמאַטערט זעקס וואָכן און דער דאָקטער האָט שוין אראָפּגענומען די שווערע מאַסע פון מיין קליינער האנט, און איך האָב זיך געפילט לייכט. פון דעמאָלסט אָן געדענק איך זיך.

מיין נאָענטע פאַמיליע

מיין נאָענטע פאַמיליע זיינען מיינע ליבע, געטרייע עלטערן און מיין באָבע וואָס האַלטן אין איין ציטערן איבער מיר.

זיי שטרעבן נאָך אַ גליקלאַכן וועג פאַר מיר. אַ דאנק מיינע עלטערן האָב איך מיין אידישע בילדונג, און איך האָב זיך געהאָ־דעוועט אין אַ אידישער אטמאָספערע. איך האָף אַז איך וועל מיט־האַלטן מיט מיין אידישן פאָלק. מיינע וויטערדיקע נאָענטע פריינט זיינען צעשפּרייט אין פארשידענע לענדער.

מיינע ליבע, געטרייע טאַטע־מאַמע ארבעטן זייער שווער צו

העלפן מיר דערגרייכן א העכערע בילדונג. ניט איין מאָל האָט זיך מיין מאַמע שלעכט געפילט אָבער דאָך האָט זי מיך געפירט אין דער אידישער שולע. און דערפאַר ווייס איך אז איך בין שולדיק מיינע עלטערן א גרויסן דאנק און איך האָף אז איך וועל זיי אָפּ־דאנקען ווען איך וועל גרויס ווערן.

אונדזערע אומגעבונגען מיט אונדזערע ארומיקע פריינט זענען מערסטנטייל אין אידיש. אלע פאַרווייליונגען פון די אָרגאַניזאַציעס וואו מיינע עלטערן באַלאַנגען ווערן געפירט אַף אידיש, און אָפּט גיי איך מיט זיי און האָב גרויס פאַרגעניגן, ווייל אידיש און איך זיינען זייער גוטע חברים.

מיין רייזע

עס שטעלט זיך מיר יעצט פאָר די רייזע וואָס מיין פאָטער און איך האָבן געמאַכט קיין ניו־יאָרק. ער האָט זיין ברודער און שוועסטער אין ניו יאָרק ניט געזען פאַר א לאַנגע צייט. מיר האָבן געוואָלט פאָרן מיט דעם באָס ווייל די וועטערן זענען נאָך גאַנץ שיין געווען.

מיר האָבן זיך צוגעגרייט און עס איז געקומען דער טאָג ווען מיר האָבן געדאַרפט פאָרן. איך בין געווען זייער אויפגערעגט, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע רייזע וואָס איך האָב ווען געמאַכט. מיין מאַמע און מיין באָבע האָבן אונדז באַגלייט צו דער באָס סטאַנ־ציע. דער באָס איז אָנגעקומען און מיר האָט אַ קלאַפּ געגעבן אין הארצן. די שווערע געפילן וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען איך האָב זיך צעשיידט פון מיין מאַמען און מיין באָבען.

מיר זיינען שוין געווען אַרויס פון שיקאַגאַ און פאָרנדיק אַפן וועג האָט מיך זייער אינטערעסירט צו זען ווי יעדע זאַך וואַקסט און איבערהויפּט האָט מיך זייער אינטערעסירט דורכצופאָרן פאַר־שידענע שטעט.

מיר זיינען געפאָרן צוויי נעכט מיט איין טאָג און אַף דעם צווייטן מאָרגן זיינען מיר אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. איך האָב גע־האַט פיל פרייד צוקוקנדיק זיך צו אַלעם אַפן וועג אָבער נאָך מער פרייד האָב איך געהאַט ווען מיר זיינען אריין אין סטאַנציע אין ניו־יאָרק און צום ערשטן מאָל האָב איך געזען מיין טאַנטע און מיין אַנקל. איך בין געווען זייער איבערראַשט און גליקליך זיי צו קענען.

זיי האָבן אונדז גענומען צו זייער היים און מען האָט זיך גוט אויסגערעדט ווייל איך דענק אז אין פופצן יאָר קען זיך אָנקלייבן גענוג רייד.

אין די אנדערע פּאָר טעג זיינען מיר געגאַנגען מערסטענס צו פּריינט אָבער זייער ווייניק האָב איך געזען אין נויאָרק, ווייל מיר זיינען דאָרט נאָר געווען א קורצע צייט.

מיר האָבן זיך ווידער גענומען גרייטן צו פאָרן צוריק קיין שי־קאַגאָ. ווען איך האָב זיך שוין באַקענט מיט מיין אָנקל און מיין טאַנטע איז מיר יעצט אויך געווען שווער זיך צעשיידן מיט זיי. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין שיקאַגאָ איז געווען זייער שפּעט ווען מיר זיינען צוגעפאָרן צו אונדזער היים. מיין באָבע און מיין מאַמע האָבן ארויסגעקוקט פון פענסטער און געוואַרט פאַר אונדז מיט אומגעדולד. מיר האָט זיך אויסגעדוכט אז אין דער וואָך האָב איך אויך אזוי פיל נייעס צו דערציילן מיין מאַמען ווי מיין פאָטער האָט געהאַט אין פופצן יאָר.

דער ערשטער טאָג אין סקול

איך בין זעקס יאָר אַלט געוואָרן און עס איז שוין געווען די צייט אָנצופאַנגען גיין אין פּאַבליק סקול. מיין מאַמע האָט מיך צו־געפירט צו דער גרויסער שאַפּען סקול און אין אָפיס האָט מען מיך פאַרשריבן. אין אָפיס האָב איך געזען אנדערע קינדער פון מיין על־טער מיט זייערע מאַמעס. פיל קינדער האָבן געוויינט ווען זייערע מאַמעס האָבן זיי איבערגעלאָזט איך האָב ניט געוויינט ווייל די מינוט ווען איך בין אריינגעקומען אין סקול האָט מיך אַלץ אינטע־רעסירט. איך האָב זיך געלערנט פליייסיק און איך האָב זיך צוגע־זאָגט אז איך וועל אַלעמאָל לערנען פליייסיק און איך האָב נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן מיין צוזאָג.

עס איז אוועק א צייט און איך האָב זיך באַקענט מיט אנדערע מענטשן און אַלץ ארום מיר איז געווען גאָר אנדערש ווי עס איז געווען. איך האָב זיך געפילט גרויס. איך האָב געקראָגן אנדערע באַוועגטעס און האָב זיך געפילט שטאָלץ דערפון.

די אידישע שול

איך בין געוואָרן עלטער און מיינע עלטערן האָבן מיך געוואָלט שיקן אין א אידישער שול און וואו איך האָב אויך געוואָלט גיין.

איך דערמאָן זיך די ערשטע טעג אין דער אידישער שול. ווען איך בין אכט יאָר אַלט געוואָרן האָט מיר מיין מאַמע צוגעפירט צו דער אידישער שול. ווי איך דערמאָן זיך איז נאָך גאַנץ היים גע־ווען און די שול איז נאָך אַלץ געווען פארמאכט איבערן זומער. מיין פארלאנג צו גיין אין א אידישער שול — האָט מיך אָבער ניט נאָכ־געלאָזט, און מיין פאָטער האָט מיך ווידער אין א פּאָר וואָכן ארום געגומען צו דער שול און דער לערער האָט מיך פארשריבן.

איך בין אריין אין ערשטן קלאַס און די ארבעט איז מיר זייער לייכט געווען, ווייל איך האָב גוט געקענט אידיש רעדן. איך האָב זיך געלערנט פלייסיק און דער לערער איז מיר זייער אינטערע־סאַנט געווען. אין פיר מאָנאַטן שפּעטער האָב איך זיך געפונען אין א העכערן קלאַס.

איך בין געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, און וואָס מער איך בין געגאַנגען אַלץ מער האָב איך ליב געקראָגן די שול. איך האָב זיך פיל מאָל באַטייליקט אין דעקלאַמאַציעס און פאָרשטעלונ־גען.

עס זיינען אַוועק דריי יאָר און איך בין שוין געווען אין גראַ־דואיר קלאַס. דאָרט האָבן זיך געפונען קינדער אין דעם עלטער פון זעכצן און זיבעצן יאָר. איך בין געווען די אינגסטע און איך האָב זיך זייער שלעכט געפילט. איך האָב באַשלאָסן ארויסצוגיין פון דער שול, און אריינצוגיין אין דער שלום עליכם שול ווייל מיין שטרעבונג נאָך א אידישער בילדונג איז געווען זייער גרויס.

איצט בין איך באקאנט מיט פיל באַרימטע אידישע שרייבער פון דער אידישער ליטעראַטור און געשיכטע. איך בין אויך באַ־קאַנט מיט אידן קימאַט איבער דער גאַנצער וועלט. איך ווייס אין וואָס פאר א צושטאַנד די אידן אין דייטשלאַנד און אין פוילן גע־פינען זיך, ווי אויך אין אנדערע לענדער. דאָס האָב איך אַלץ געגאָסן פון דער אידישער שול.

איך לעב אין צווייערליי סוויוועס, באַטאָג לעב איך אין אַן ענגלישער אַטמאָספערע און ווען איך קום אהיים, ביז אַף מאָרגן אינדערפרי לעב איך אין א אידישער אַטמאָספערע וואָס איך האָב זייער ליב.

יואל ליבאוו
14 יאָר.

מיין לעבן

איך בין געבוירן געוואָרן מערץ דעם ערשטען 1922 אין מיל־וואָקי, וויסקאָנסין. איך בין געווען זיבעצן מאָנאַטן אַלט ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין. דאָס איז געווען דערפאַר ווייל איך בין גע־ווען זייער פעט, און האָב מוירע געהאַט אויפהויבן זיך. אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו גיין, פלעג איך נישט גיין, נאָר לויפן.

איין מאָל האָט מיין מוטער געוואַשן די פּאָדלאָגע. עס איז געשטאַנען אַן עמער וואַסער, און איך לויפנדיק, בין געפאַלן אַי־בערן עמער און צעשניטן זיך די באַק. מיין מוטער איז געווען זיי־ער באַזאָרגט איבער דער באַק און מיך גענומען צו אַ גוטן דאָק־טאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז ער קען אָפּערירן אויפן באַק אָבער עס וועט בלייבן אַ שראַם. מיין מוטער האָט עס נישט גע־וואָלט און האָט עס איבערגעלאָזט, דערפאַר ווייל דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז אַן אָפּעראַציע איז נישט נויטיק. און ביז איצט קען מען זען אַ שפּאַלט אין מיין באַק ווען איך לאַך.

איך האָב אָנגעהויבן רעדן ווען איך בין געווען צוויי יאָר אַלט. איך האָב געהאַט אַ סך האַנאָע פון רעדן מיט מיין באָבע, דערפאַר ווייל זי האָט מיך געלערנט מער און מער, ווען איך פלעג מיט איר רעדן. און נאָך אַ האַלב יאָר האָב איך געקאָנט רעדן אַי־דיש זייער גוט. ווען מיין באָבע איז ניט געקומען צו אונדז פלעג איך וויינען, ווייל איך האָב איר אַזוי ליב געהאַט.

איינמאָל ווען מיין מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען, בין איך אַרויס־געלאָפן פון הויז און געגאַנגען זוכן מיין באָבע. אָבער איך בין צו איר הויז נישט געקומען, ווייל איך בין פאַרפאַלן געוואָרן, איך בין געוואָרן אַזוי מיד אַז איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שוועל אויף וואָלנאַט סטריט און אָנגעהויבן וויינען. איך בין דאָרטן גע־זעסן אַ פּאָר שטונדן ביז אונדזערער אַ פריינט, כאָווער מעלרוד האָט מיך געפונען און געבראַכט אַ וויינענדיקן צוריק אַהיים.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן קיין שיקאַגאָ. דעמאָלט בין איך געווען דריי יאָר אַלט. פון דאַמאָלסט אַן

וואוינען מיר אין א גוי'אישער געגנט. דער ערשטער לערער וואָס האָט מיך גענומען לערנען, שרייבן און לייענען, איז געווען א יונ־גערמאַן פון א פינף און צוואַנציק יאָר וועלכער איז געווען א סטו־דענט אין קריין קאלעדזש. ער פלעגט קומען צו אונדז צוויי מאָל א וואָך פאר צוויי יאָר צייט. בא די לעקציעס זיינען מיר געווען פיר קינדער. איך און מיין שוועסטער און נאָך צוויי אינגלאך. שפּעטער האָבן די צוויי אינגלאך אויפגעהערט קומען, און צוליב מיר און מיין שוועסטער האָט זיך אים נישט געלוינט מער קומען, אונדז לערנען.

מיין רייזע צו דער ווייטער וועסט

עס איז געווען א גרויסער מאָמענט אין מיין לעבן, ווען מיר זיינען אריינגעפאָרן קיין קאליפאָרניע. די אָרענדזש פלאַנטאַציעס און פאלם בוימער האָבן מיך זייער איבערראַשט, דערפאר ווייל עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען ווי מאראַנצן וואַקסן.

אין א פּאָר שעה אַרום, זיינען מיר אריינגעפאָרן אין לאָס ענדזשעלעס, וואו מיר זיינען געגאַנגען צו מיין מומעס הויז.

איך האָב געהאַט א וואונדערבארע צייט ווען איך בין דאָרטן געווען. מיר האָבן זיך געבאָדן אין יאַם יעדן טאָג, און די כוואַ־ליעס זיינען געווען אַזוי שטאַרק אז זיי פלעגן מיך אויפהויבן און אומוואַרפן. ווען איך בין מיד געוואָרן פון שפּילן מיט די כוואַ־ליעס, פלעג איך זיך וואַלגערן אויפן וואַרעמען זאַמד און האָבּ האָבן פון דער וואַרעמער לופט. נאָך אסך פארגעניגן האָב איך גע־האַט אויף די בערג, מאָונט לאָ, און לייק עראהעד. לייק עראהעד איז זעקס טויזנט פיס הויך, און ווען מיר זיינען אַראָפּגעפאָרן מיט דער מאַשין, האָבן מיר געזען זייער א שיינעם לייק, מיט שיפלאך, און דער גאַנצער פּלאַץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א שיינעם זומער רעזאָרט.

איין טאָג אין אווגוסט, גאַנץ פרי, זיינען מיר ארויסגעפאָרן פון לאָס ענדזשעלעס, אין דעם זעלבן טאָג, שפּעטלאך אין אָוונט זיי־נען מיר אריינגעפאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ. דער וועג איז געלעגן נאָענט בײַם ים. דורך די אוראַלטע וועלדער זיינען געווען גרויסע

ביימער, אזוי גרויס אז אין מאַנכע האָט מען געמאַכט קראַמען. דאָ און דאָרטן האָבן מיר באַגעגנט אויפן וועג, אינדיאַנער און אינדיאַנערקעס רייטנדיק אויף פערד מיט זייערע קינדער.

מיר זיינען אריינגעפאָרן אין אָריגאָן, צווישן הויכע בערג, און האָבן פון דאָרטן נישט געקענט ארויסקריכן, און ערשט שפּעט אין אָוונט זיינען מיר צוגעקומען צו א פאַרמערס הויז און דאָרטן געבליבן נעכטיקן.

אויף מאָרגן צען אזייגער אין דער פרי האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג. פּלוצלונג האָט עס אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים זייט פון וועג, איבערוואַרטן דעם שטורם. אינגיכן זיינען מיר ווידער געפאָרן, פריילאַך און לוסטיק, ווייל דער וועג איז געווען גלאַט און די זון האָט געשיינט קלאָר. אָבער גראַדע דאָ האָבן מיר קיין מאַזל נישט געהאַט. א מאַשין הינטער אונדז, האָט אונדז געוואָלט אריבעריאָגן, איז אים אנטקעגן געפאָרן א טראָק, און ער האָט געמוזט, אומקעדיי זיך צו ראַטעווען, געבן א שטאַרקן קלאַפּ אין הינטן פון אונדזער מאַשין, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן א טעלעגראַף פּאָסט. אַלע זיינען געבליבן נישט געשעדיקט אַבוץ איך. איך בין אויפן ערשטן קלאַפּ געפאַלן ווי א צוזאַמענגעדרייטע שמאַטע, און מען האָט מיך ארויסגענומען א האַלב באַוואוסטלאָזן. צום גליק איז דאָס געווען לעבן א געזאַלין סטיישאַן, און מען האָט גלייך טעלעפאָנירט פון דאָרט אין סיילעם פאַר אַן אמבולאַנס, און מיך אוועקגעשיקט אין האָספּיטאַל.

איך בין אָבער ארויס מיט גאַנצע ביינער און אויף מאָרגן בין איך ארויס פון האָספּיטאַל, מיט שוואַרצע און בלויע צייכנס.

מיר זיינען געבליבן אין אָריגאָן א פּאָר טעג, ביז איך בין געוואָרן בעסער. צום גליק האָט מיין טאַטע געקאַנט א פּאָר מענטשן אין סיילעם און מיר האָבן באַ זיי פאַרבראַכט א פּאָר שעה יעדן טאָג.

אונדזער צוריקפאָרנדיקע רייזע האָבן מיר געמאַכט קירצער, דערפאַר ווייל מיר האָבן נישט געפילט אזוי פריילאַך נאָכן עקסידענט. מיר זיינען אָבער אריינגעפאָרן אין שיקאַגאָ אין א גוטער שטימונג. איך בין געווען צופרידן צו זיין צוריק אין דער היים, אָבער איך האָב אויך געוואָלט זיין צוריק אין קאַליפאָרניע.

קומענדיק צוריק אהיים, האָב איך נאָכאמאָל אָנגעפאנגען מיין טעגלאכע ארבעט; גיין אין דער ענגלישער שול און אויך אין דער אידישער שול, און העלפן מיין טאטן צו טראָגן די צייטונגען.

מיט דער צייט האָב איך געענדיקט די ענגלישע אָנפאנג שול און אָנגעהויבן גיין אין היי סקול. איצטער בין איך אין מיין צווייטן סעמעסטער, און האָף אז איך וועל זיין דערפאָלגרייך אין מיין אינזשינער־קורס.

שאול וועבער
11 יאָר.

דאָס קינד

אין א לאנגער ווינטער נאַכט,
זיצט א קינד אליין און טראַכט,
אף א באַנק איינער אליין,
ווייל ער ווייסט ניט וואו צו גיין . . .

זיצט דאָס קינד אָן א היים,
נאָר דער רויש פון א בוים,
און דעם קינד איז זייער קאַלט,
וויינט ער און א טרער פאלט . . .

גייט א מאן פארביי דעם בוים,
נעמט דאָס קינד, מיט זיך אהיים.
איצט דאָס קינד איז פול מיט פרייד,
ווייל דאָס קינד טראָגט א וואַרעם קלייד . . .

יאָסל אָדערבערג
13 יאָר.

מיין לעבן

מיין קינדהייט

איך געדענק זיך פון יענעם טאָג ווען איך בין געווען דריי יאָר אַלט. אַלס קינד האָב איך זיך געשפּילט אינדרויסן אויף די פּרייע לופט און מיין מאמע פלעגט גאַנץ אָפט ארויסקוקן פון די פענסטער און אכטונג געבן צו קיינער טשעפּעט מיך ניט אָדער צו איך שלאָג זיך מיט קיינעם ניט ארום.

אין מיטן שפּילן פלעגט זי מיך אריינרופן אין הויז, און אַוועקלייגן אויפן בעטל, און געבן מיר אויסטרינקען אַ פלעשל מילך. איך האָב זיך קוים געקענט דערוואַרטן ביז דאָס פלעשל איז ליידיק געוואָרן, און איך בין ווידער ארויסגעלאָפן מיט אימפּעט פאָרטזעצן דאָס שפּילן זיך מיט מיינע כאַווירים.

איך געדענק פון מיינע קינדער יאָרן אממערסטנס יענע פאַלן וועלכע האָבן מיר איבערגעלאָזט קערפּערלאַכע צייכנס. ווען איך בין אַלט געווען זיבן יאָר האָב איך צעשניטן מיין רעכטן פוס דורך דעם וואָס מיינע כאַווירים מיט וועמען איך האָב זיך געשפּילט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, האָבן מיך ארויפגעוואָרפן אויף אַ באַרג צעבראָכענע גלאָז. די גלאָז איז געווען שמוציק. מיין מאמע איז דעמאָלסט אין דער היים ניט געווען. זי איז געגאַנגען אין פּאַרק מיט מיין ברודערל, האָט מיך מיין אָנקל גענומען אין נאָענטסטן שפּיטאָל און דאָרט האָט מיר אַ דאָקטאָר אויסגערייניקט און פאַר־נייט דעם פוס.

עס האָט מיר שרעקליך וויי געטאָן. איך האָב געשריען פאַר ווייטיק און האָב זיך שטאַרק צעוויינט. ווען מיין מאמע האָט גע־הערט אין גאַס אַז מען האָט מיך צוגענומען אין שפּיטאָל, האָט זי צוערשט געמיינט אַז אַ מאַשין האָט מיך איבערגעפאָרן. זי איז שנעל געקומען צולויפן אין שפּיטאָל אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט, זי האָט מיך שוין געפונען מיט אַ באַנדאַזשירטן פוס. דאַן האָט מיך מיין אָנקל אהיים גענומען אין זיין מאַשין. איך בין אכט טעג ניט געגאַנגען אין סקול.

א צווייטער פאל האט פאסירט ווען איך בין געווען מיט מיין מאמען אויף א זומער וואוינונג. איין מאל איז מיין מאמע געפארן אין שיקאגע און איך בין געבליבן מיט מיין טאנטע און קאזינס. איך האב זיך ווי שטענדיג געשפילט אויפן פרייען פעלד, איך בין געלאפן פון איין הויז צום צווייטן, און אויפן וועג וועלנדיק ארי־בערשפרינגען א דראטענעם פארקאן האב איך זיך פארטשעפעט אן די שטעכעדיקע דראטן און בין געפאלן. דאס מאל האב איך זיך צושניטן דעם לינקן פוס, מיין טאנטע און מיינע קאזינס האבן זיך שטארק דערשראקן דערזעענדיק מיין פוס פארגאסן מיט בלוט. זיי האבן אפגעוואשן די וואונד, אבער זיי האבן מוירע געהאט פאר בלוט פארגיפטונג. ווייל די שטעכעדיקע דראטן זיינען געווען פאר־זשאווערט; זיי האבן מיך דערפאר גענומען צום דאקטער אין נאָ־ענטסטן שטעטל, וועלכער האט מיר באנדאזשירט די וואונד. דער דאקטאר האט אבער אנגעזאגט מיין טאנטע אז מען זאל מיר ארייג־שפריצן א סערום אנדערש קען מיין פוס נאך פארגיפטעט ווערן.

ווען מיין טאנטע האט געהערט וואס דער דאקטאר האט געזאגט, האט זי זיך שטארק דערשראקן, זי האט גלייך טעלעפאנירט קיין שיקאגע עס זאל עמיצער גלייך קומען מיך אהיימנעמען. דעם זעלבן אוונט איז מיין אנקל געקומען מיט זיין מאשין, און האט מיך גע־בראכט צו מיין מאמען.

אין שיקאגע האט מען מיך א פאר מאל גענומען צום דאקטער. יעדעס מאל האט ער מיך באנדאזשירט און ביים לעצטן מאל האט ער מיר ארייגעשפריצט דעם סערום קעגן פארגיפטונג.

דאס האט א סך צושטערט מיין וואקאציע, איך האב ניט גע־קענט אזוי שנעל צוריקפארן אויף דער זומער וואוינונג.

אט די צוויי פאלן פון מיינע קינדער יארן וועל איך שטענדיק נעדענקען. זיי האבן אויף מיר איבערגעלאזט צייכנס אויף מיינע ביידע פיס.

מיינע פריינט

איך האב אסאך באקאנטע אינגלאך פון מיין עלטער, זיי זיינען אבער ניט מיינע פריינט, אייניגע קען איך בלויז ווייל איך טרעף זיך מיט זיי אין גאס. מיט אנדערע בין איך באקאנט ווייל מיר

גייען צוזאַמען אין סקול, אָבער נאָענטע פריינט מיט וועמען איך פאַרברענג גאַנץ אָפט האָב איך בלויז געציילטע.

איין כאַוועך רופט מען פּיליפּ, ער איז הויך געוואַקסן, א שטי־לער, ער פאַרטשעפּעט ניט אַנדערע אויב זיי טשעפּן אים ניט. ער גייט אויך אין א אידישער שול, לערנט זיך גוט. ער האָט שטענדיק געהאַט א שוואַכקייט צו בייסבאָל שפּילן. יעדע פרייע מינוט פלעגט ער באַלד זיין אין גאַס און שפּילן באָל. לעצטנס זינט ער האָט צע־בראָכן זיין האַנט שפּילט ער ניט מער, נאָר קוקט אָף אַנדערע שפּילער מיט נייגעריקייט.

א צווייטן כאַוועך האָב איך, רופט מען אים סאָל. ער איז פּונקט פאַרקערט פון מיין כאַוועך פּיליפּ. ער איז קורץ געוואַקסן און פעט. ער האָט ליב א סך צו שטיפן און אַרומשלאָגן זיך מיט אַלע אינגלאַך אין גאַס. אַממייסטן איז ער שטאַרק טומלדיק ווען מיר שפּילן אַלע אין באָל. באַ דער מינדסטער געלעגנהייט שפּרינגט ער אויף. וואַרפט אַוועק דעם "בעט" און נעמט זיך קריגן. אָבער מיין כאַוועך סאָל איז בלויז קריגעריש ביים שפּילן; אין אַנדערע זאַכן קומט ער גוט אויס מיט אַלע אינגלאַך. ער גייט אין א אידישער שול, און ציינט מיר גאַנץ אָפט זיין אַרבעט.

די אַטמאָספערע אַרום מיר

די אַטמאָספערע אַרום מיר איז א פאַרשידענע, פּונקט ווי די מענטשן אַרום מיר זיינען פאַרשידן. איך האָב א גרויסע מישפּאָכע, אָנקלס, טאַנטעס, קאָזינס און א זיידע.

ווען זיי קומען זיך צוזאַמען ביי אונדז אין הויז אָדער ביי מיין זיידן אין הויז, ווערט לעבעדיק און פריילאַך, אַלע רעדן און דיסקוסירן אַזוי הויך אַז מע קען אַזש הערן אינדרויסן.

מיין זיידע איז א פרומער, ער גייט יעדן טאָג אין שול אַריין דאַוונען, און אין הויז דערציילט ער שטענדיק וועגן דער שול און וועגן פרומע אידן. מיינע אָנקלס זיינען ביזנעסלייט. רעדן זיי שטענ־דיק וועגן געשעפטן, און שמועסן אויך וועגן פּאָליטיק. דערביי רעדן זיי אַזוי הויך ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט. מיין מאַמע באַלאַנגט אין שלום עליכם אינסטיטוט. רעדט זי מיט אַלעמען וועגן אירע אונ־טערנעמונגען. מיין טאַטע באַלאַנגט צו דער באָרוכאָוו שול, און

מײנע אַנקלם שטיצן די לינקע שולן, רעדן זײ אַלע װעגן די שולן און װעגן פּאָליטיק.

איך הער זיך שטענדיק צו צו זײערע שמועסן, און זײ אַלע טשעפּן זיך מיט מיר פּאַרװאָס איך גײ אין די שלום־עליכם שולן, פּאַרװאָס איך רעד ניט קײן אידיש, אָבער איך הער זיך ניט צו צו זײ. איך דענק אַז מײן שול איז די בעסטע װײל מע לערנט דאָרט אידיש און אידישע געשיכטע. איך גײ שױן אין דער שלום עליכם שול פֿון זיבן יאָר אָן, און װעל דאָרט בלײבן ביז איך װעל גראַדואירן.

אין אונדזער הױז קומען אַרײן פֿאַרשידענע מענטשן, פֿרײנט פֿון מײן טאַטע־מאַמע. זײ פֿאַרברענגען בײ אונדז און שמועסן גאַנץ אָפֿט װעגן זאַכן װאָס איך פֿאַרשטײ נאָך ניט, דאַמאָלסט פֿאַרלאָז איך אונדזער הױז און גײ צו מײנע כאַװײרים אין גאַס זיך שפּילן.

רײזל נעש
11 יאָר.

מײן כאַװערטע רוטע

איך האָב אַ כאַװערטע אַ גוטע
אַ מײדל מיטן נאָמען רוטע
זי איז אַלט אַ יאָר עלף
און זי האָט אַ שװעסטער פֿון צװעלף.

זי איז אַ קלײן און שײן מײדל
מיט אַ רײן און ציכטיק קלײדל
מיט אַ פּאָר בלױע אױגן
און צעפּ װאָס זיכער טױגן.

אײנמאָל האָט מײן כאַװערטע רוטע
דאָס מײדל, דאָס גוטע
אַװעקגעקליבן צו איר טאַנטע בלאָד,
אױ, איך בענק אַזױ נאָך איר, נאָך

שולמית בן עמי
12 יאָר.

מיין לעבן

פון ווען איך געדענק זיך

איין הארבסט טאָג האָט מיין מאמע געמאכט א יום־טוב צוליב מיין פינף יאריקן געבורטסטאָג. איך געדענק ווי מיר האָבן גע־ארבעט. מיין מאמע האָט געבאקן, מיינע שוועסטער האָבן איר גע־האָלפן און איך האָב געדארפט ארומלויפן איינקויפן. אין מיטן דער ארבעט איז אָנגעקומען א פעקל. איך בין געווען זייער אי־בערראשט ווייל עס איז געווען דער ערשטער פעקל וואָס מע האָט פאַר מיר געבראכט אין מיין לעבן. איך האָב עס גלייך געעפנט און ארויסגענומען א גרויסע שיינע ליאַלקע.

מיינע ערשטע פריינט

ווען איך בין געווען א קליין קינד פלעג איך זיך שפּילן מיט א קליין יינגל. מיר פלעגן שטיפן און געהאַט גוטע צייטן צוזאַ־מען. איינמאָל האָבן מיר זיך צוקריגט און ער האָט מיר געגעבן א קלאַפּ איבערן קאָפּ מיט א האמער. ער איז געווען קלענער פון מיר און האָט מיר ניט שטארק וויי געטאָן. אָבער זינט דעם טאָג האָב איך זיך מער ניט געשפּילט מיט אים, ניט נאָר ווייל ער האָט מיר געשלאָגן נאָר ווייל מיר זיינען געוואָרן עלטער און ער האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט די אינגלאַך און איך מיט די מיידלאַך. שפּע־טער האָב איך געטראָפן א מיידל, מיר פלעגן זיך שפּילן מיט ליאַלקעס און אפטאָן די אינגלאַך, מיר זיינען געווען זייער גוטע פריינט ביז מיר האָבן געדארפט אָנהויבן לערנען אין דער ענגלי־שער שול. זי איז אוועק אין דער קאַטאָלישער שול און האָט גע־טראָפן נייע פריינט דאָרטן און איך בין אוועק אין דער פּאַבליק סקול און האָב אויך געטראָפן נייע פריינט.

שולן

ווען מיין מאַמע האָט מיך גענומען אין דער ענגלישער שול בין איך געווען זייער גליקלאַך, די קינדער ארום מיר האָבן געוויינט אָבער איך האָב ניט געהאַט צייט צו וויינען ווייל איך האָב גע־מוזט מיט יעדער זאך זיך שפּילן. עס האָט ניט געדויערט לאַנג

ביז איך בין אריינגעטראָטן אין דעם ערשטן קלאַס, עס איז מיר ניט געווען שווער אויסצולערנען לייענען ווייל מיינע שוועסטער האָבן מיר ארויסגעהאָלפן. איך בין אריבער געגאנגען פון קלאַס צו קלאַס אָן שוועריקייט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער ענגלישער שול האָב איך אויך אָנגעפאנגען די אידישע שול. איך האָב געפונען די אידישע שול פיל אנדערש פון דער ענגלישער שול. אַלע קינדער פלעגן גיין פינף שטונדן יעדן טאָג אין דער ענגלישער שול, און נאָר א פּאָר קינדער פלעגן גיין דריי מאָל א וואָך און נאָר א שטונדע אין דער אידישער שול.

פון אָנהויב פלעג איך גלייכן די ענגלישע שול פיל בעסער ווייל איך האָב געוואוסט אַז אַלע קינדער גייען, און אויך ווייל מיר פלעגן זינגען אַף א פּלאַטפּאָרמע, די קינדער פלעגן אַלעמאָל ווען זיין באַליבט בא די לערערינס. אָבער מיין מיינונג האָט זיך געביטן, איך האָב אָנגעהויבן גלייכן די אידישע שול ווייל איך בין שוין געווען אין אַן עלטערן קלאַס און פלעג לערנען אינטערעסאַנטע זאַכן, מיר פלעגן דיסקוטירן נייעס אין קלאַס און אַז מען האָט געלייענט איז עס געווען שיינע מייסעס. און איך פלעג גלייכן די אידישע שול ווייל מען האָט געקאָנט דאָן אַלעמאָל זאָגן אייגענע מיינונגען.

לערער

איך האָב געהאַט א סך לערער אין מיין לעבן אָבער פיר קען איך קיינמאָל ניט פארגעסן, זיי זיינען פארשידענע טיפּן, איינע פון זיי איז געווען א לערערן וואָס מען האָט שיר געקענט לאַכן ווען מען האָט איר געזען. זי האָט געהאַט פאַלשע האָר וואָס פלעגן קימאַט אראָפּפאַלן פון קאָפּ ווען א ווינט פלעגט בלאָזן און אַז זי האָט געלאַכט האָבן זיך ארויסגעוויזן גרויסע פאַלשע ציין. זי האָט געהאַט א הויכע שטימע און מען האָט געקענט פּלאַצן פון געלעכטער ווען זי האָט גענאָסן. זי פלעגט אויסנוצן די צייט וואָס זי האָט געדאַרפט לערנען די קינדער מיט אַנדערע זאַכן, זי האָט זייער געגליכן צו לערנען מאָלן. אָבער איין גוטע מיילע האָט זי געהאַט, אַז זי פלעגט לערנען די קינדער געשיכטע וואָס פלעגט טרעפן זייער זעלטן, האָט זי געלאָזט די קינדער רעדן פריי און זי האָט קימאַט די גאַנצע צייט ניט אריינגעקוקט אין טעקסט בוך.

זי האָט געשריען אסך אָבער זי האָט קיינמאָל ניט גענוצט די הענט אַף צו פּאַטשן א קינד. עס האָט איין מאָל געטראָפן אז זי האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן האָט זי באַ א אינגל די בלוזקע צעריסן, אָבער זי האָט עס באַלד פאַרנייט און האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן.

גאָר אנדערש איז געווען נאָך א לערערן וואָס איך האָב געהאַט. זי איז א ריכטיקע אמעריקאנעריו, מען קען זען אז זי האָט געהאַט שטרענגע עלטערן וואָס האָבן געדענקט אז מען האָט אלע מאָל געדאַרפט נוצן די הענט אויסצובעסערן קינדער, און ניט רעדן מיט גוטן, ווייל זי האָט דעם זעלבן צוטריט צו די קינדער וואָס זי לערנט. זי האָט דאָפּקע געלערנט די קינדער א סך אָבער זי האָט אפילע ניט פּרובירט צומאַכן די קלאַסן אינטערעסאַנט און אויב זי האָט געקענט עמיצן באַליידיקן האָט זי עס אלע מאָל געטאָן. אַזאַ מין איינדרוק האָט זי געמאַכט אַף מיר.

אָבער אנדערש זיינען געווען די אַנדערע צוויי לערער. איינעם פון זיי האָב איך זייער ליב געהאַט, ער איז געווען אַ זייער גוטער און האָט ליב געהאַט קינדער. איך האָב אים אלצדינג געקאָנט פרעגן וואָס נאָר מיין האַרץ האָט געוואָלט, און ער האָט מיר געענטפערט ווי ער וואָלט גערעדט מיט א דערוואַקסענעם מענטשן. מיר פלעגן האָבן אינטערעסאַנטע קלאַסן און מיר פלעגן אלעמאָל האָבן נייעס און אז מיר האָבן אָנגעהויבן האָבן מיר קיינמאָל ניט פאַרענדיקט. ער איז געווען אין מיינע אויגן דער בעסטער לערער וואָס איך האָב געהאַט.

איך האָב געהאַט נאָך א לערער וואָס איך קען ניט פאַרגעסן. ער איז געווען אזוי אנדערש פון דעם פריערדיקן. ער פאַרלאַנגט ארבעט פון די קינדער און זיי טוען דאָס טאָקע. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געפונען טוענדיק ארבעט און א סך ארבעט. ער האָט געהאַט א געווויסן איינפלוס איבער מיר, וואָס מער איך האָב אים געקענט אלץ מער, האָב איך אים אָנגעהויבן פאַרשטיין, איך האָב אָנגעהויבן זען אז די ארבעט וואָס ער גיט אונדז האָט מיר א סך געהאָלפן. מיין שפּראַך איז געוואָרן בעסער און מיין שרייבן איז אויך פאַרבעסערט געוואָרן. איר קאָנט זיך אָנשטויסן אז די ערשטע צוויי לערערינס זיינען געווען פון דער ענגלישער שול — און די לעצטע צוויי — פון דער אידישער שול.

יוסף ראָזנשטיין
14 יאָר.

מיין לעבן

(מאָמענטן)

איך האָב זיך דערקענט דעם ערשטן מאָל ווען מיין פאָטער און מוטער האָבן מיך גענומען צום ערשטן מאָל אין אַ אידיש טעאַטער. איך בין געווען אַ קליין אינגעלע. איך געדענק אַז דער טאַטע האָט מיך געטראָגן אויף די הענט. איך בין געווען זייער אוי־בערראַשט און איך האָב געהאַלטן אין איין ארומטאַנצן בא׳ אים אויף די הענט. עפּעס איז געווען אַזוי פיל מענטשן און אַלע האָבן גערעדט און גערעדט, און ס׳איז געווען הו־האַ. אין מיטן דרינען איז געוואָרן פינצטער און שאַ. אַרום און אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל. און מיין מוטער האָט מיר געהייסן זיין שאַ, און שטיל. דאַן איז געוואָרן ליכטיק אויף דער בינע, און מענטשן האָבן עפּעס גערעדט און געטאַנצט.

איך האָב דאָס ניט פאַרשטאַנען. ווייזט אויס אַז איך בין אנשלאָפן געוואָרן, און מיטן דרינען הער איך אַ קאָל — "יוסף, יוסף, מיין כייעס גייט מיר אויס נאָך דיר!" מיינע אויגן האָבן זיך אופגעעפענט און איך האָב געזען ווי אַ שיינע מיידל שטייט מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט און רעדט עפּעס און קוקט גלייך אויף מיר. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי רופט מיך, האָב איך אַ שפּרינג געטאָן פון מיין טאַטנס הענט און האָב אַ געשריי געטאָן אויפן קאָל — "אָט בין איך, אָט בין איך." באַלד איז גע־ווען איבער דעם גאַנץ טעאַטער אַ געלעכטער און אַ געשריי און אַלע האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף מיר. איך האָב צו דער מאַמע אויף די הענט אַרויפגעקלעטערט און באַהאַלטן מיין פּאָנעם, און האָב אָנגעפאַנגען וויינען — "איך וויל גיין אַהיים, איך וויל גיין אַהיים." איך בין דאַמאָלט אַלט געווען צוויי און אַ האַלב יאָר.

איך געדענק זיך צום ערשטן מאָל ווען איך בין געגאַנגען אין דער ענגלישער שול. איך בין געווען אַ קליין אינגל, און די מאַמע האָט מיך געבראַכט אין שול. ס׳איז געווען שניי אויף דער גאַס. אַז מיר זיינען אריין אין שול האָבן מיר געדאַרפט אַרונטערנעמען די

גאַלאָשן. די לערערין האָט גענומען די גאַלאָשן און האָט זיי אויפגעהאַנגען מיט "קלאַזפּינס". איך האָב נישט געוואוסט אַז מיר דאַרפן אַפּגעבן די גאַלאָשן און האָב זיי איר נישט געוואָלט געבן.

די לערערין האָט מיר געגעבן אַ פּראַסק אין פּיסק און האָט די גאַלאָשן אוועקגענומען. איך האָב גלייך אָנגעהויבן שרייען און וויינען ביז די מאַמע האָט מיך גענומען אַהיים. איך וועל דעם ערשטן טאָג אין דער ענגלישער שול, געדענקען מיין גאַנצן לעבן.

מיט זיבן יאָר צוריק האָבן מיינע חברים און איך זיך געשפּילט אין דרויסן. מיר האָבן אַרומגעלאָפן און אַרומגעשפּרונגען אַזוי ווי די ווילדע אינדיאַנער. דער טאָג איז געווען אַביסל פינצטערלאַך און ס'האָט זיך געפילט אין דער לופט אַז ס'איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. מיר קינדער האָבן זיך ניט צוגעקוקט צו וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן און האָבן זיך געהאַלטן אין איין יאָגן איינער נאָך דעם צווייטן. אַט ליג איך אַף דר'ערד מיט פינף אָדער זעקס חברים אַף מיר, אַניט איז מען אַף אַנאַנדערן. אין מיטן דרייען איז געוואָרן פינצטער אין דרויסן, און דער ווינט איז געוואָרן אַזוי ווי אַ טאָרנײַדאָ. איך בין גראָדע געווען אַף אַ פּלויט, און אַזוי ווי דער ווינט האָט זיך געגעבן אַ נעם, האָט ער מיך אויפגעהויבן פון דעם פּלויט און מיך אַ שליידער געטאָן אַף דר'ערד. איך האָב גלייך דערפילט אַ גרויסן ווייטאָג און האָב זיך גלייך צוואוויינט און אָנגעפאַנגען שרייען אַפן קאָל: — "מיין האַנט, מיין האַנט"! אַלע קינדער זיינען געשטאַנען אַרום מיר און האָבן געלאַכט. זיי האָבן געמיינט אַז איך שפּיל זיך נאָך און דאָס איז נאָך איינער פון מיינע שפּאַסן. איך האָב אָנגעפאַנגען שרייען נאָך העכער און קלאַפּן מיט די פיס און די קינדער האָבן געלאַכט נאָך העכער.

מיינע אַ טאַנטע האָט דערהערט מיינע קוילעס און איז אַרונטערגעלאָפן און מיך אויפגעהויבן. פון דעם גרויסן ווינט וואָס האָט מיך אַזאַ שליידער געטאָן איז מיין לינקע האַנט צובראָכן געוואָרן אין צוויי פּלעצער.

דבורה ווײַנער
13 יאָר.

מײַן לעבן

איך געדענק זיך ווען איך בין געווען 5 יאָר אַלט.

אײן זומערדיקן טאָג האָב איך מיט מײַנע פרײַנט זיך געשפּילט אין גאָרטן. אײנער פון די קינדער האָט פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן זען ווער עס קען שנעלער לויפן. מיר זײַנען געלאָפן און צו מײַן אומגליק בין איך געפאַלן איבער אַ שטיקל גלאָז און זיך צעשניטן די פוס. זיי האָבן מיך גענומען צום הויז. די פוס האָט געבלוטיקט און איך האָב פון ווייטיק און שרעק געשריגן. מען קען זיך פאָר־שטעלן מײַן מאַמען ווי זי האָט געפילט ווען זי האָט דאָס דערזען. זי האָט מיך גענומען אין הויז און האָט די וואונד אויסגעוואַשן און באַשמירט מיט מעדיצין, און אין אַ קורצער צײַט אַרום בין איך מיט מײַן מאַמעס הילף צוריק געזונט געוואָרן.

צוויי מאָנאַטן שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ מיטגליד אין אונדזער פאַמיליע, אַ קלײן שוועסטערל. איך האָב זיך אַזוי דער־פרײט ווען מײַן מאַמע איז אַהײמגעקומען פון שפּיטאָל אַז איך האָב אַזש ניט געקענט רעדן און בין געוואָרן זייער קראַנק דערפון.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך אָנגעפאַנגען גײן אין דער ענגלישער שול. איך האָב אין אַ קורצער צײַט זיך באַקענט מיט אַסאַך קינדער און כ׳האָב זיך געפרײט ווען איך האָב געדאַרפט גײן אין סקול. אין מײַן קלאַס בין איך געווען דער אָרקעסטער לידער און איך געדענק אַז אײנמאָל האָבן מיר געהאַט אַ קאָנצערט און אַלע מאַמעס זײַנען געקומען און איך האָב געדאַרפט אָנפירן די קינדער. איך האָב אַ ביסל מורא געהאַט אָבער איך האָב געוואוסט אַז מײַן מאַמע שטײט און קוקט און פאַר איר מוז איך טאָן דאָס בעסטע. זי איז געווען איבערגליקלאַך דעם טאָג.

מײַנע מערסטע פרײַנט זײַנען געווען גויעם און אַז איך האָב זיך באַקענט מיט אַ אידיש מײדל האָב איך געפילט זייער גוט. דאָס מײדל איז געגאַנגען אין דער שלום עליכם שול. זי האָט מיר

אזוי פיל דערציילט ווענן דער שול אז איך בין איר מסנא געווען און איר געבעטן אז זי זאל מיך מיטנעמען אין שול. אין דער שול האב איך געלערנט אידיש שרייבן, לייענען, געשיכטע און ליטעראטור. אידיש איז מיר אנגעקומען זייער לייכט אויסצולערנען און אין דריי מאנאטן צייט האט דער לערער מיך אריינגעזעצט אין צווייטן קלאס. איך האב ליב געהאט צו לערנען אידיש אזוי פיל אז איך האב מיינע שוועסטער געצוואונגען אז זיי זאלן אויך אנפאנגען לערנען אין שול. ווען זיי האבן אנגעפאנגען, בין איך שוין געווען אין צווייטן קלאס. איצטער בין איך אין פערטן קלאס און איך האף אז איך וועל איינגיכן גראדואירן.

אין דער ענגלישער שול בין איך קענעהארע קיינמאל ניט דורכגעפאלן און איך האף אז איך וועל איינגיכן גראדואירן.

מרים לעווינסקי
12 יאר.

די מויז

אין א קליינע הויז,
זיצט א שיינע מויז,
שווארץ ווי קויל,
און א ווייסע מויל,
גייט זי זיך ארום,
און טראכט און טראכט,
נאר זי קען ניט געפינען וואס צו עסן.
ווייל די קאץ איז יעצט אין מאכט,
זעט דאס קליינע מייזעלע אז ס'איז ניטא קיינער אין הויז,
וויל זי עפעס כאפן עסן, קען זי ניט, די מויז,
ווייל זי איז אזוי קליין,
ווי א קליינער שטיין,
דרייט זי זיך ארום און ארום,
און אין שטוב איז שטיל און שטום . . .

אברהם קאהן
14 יאר.

מיין לעבן

פון ווען איך געדענק זיך.

מיין זיקארן נעמט מיך צוריק ווען איך בין אלט געווען פיר יאר. מיין באבע האט דאן געלעבט. איך געדענק ווי אין די גרויסע פרעסט פלעג איך ארויסגיין אין דרויסן. האב איך געדארפט עפעס טאן, פלעג איך נעמען דעם דזשענעטערס גרויסע שווערע לאפיטע, און נעמען א פולע לאפיטע שניי און אריבערווארפן עס איבערן גארטן. מענטשן וואס פלעגן מיך זען פלעגן זיך וואונדערן ווי איך קאן די לאפיטע אויפהויבן. ווען איך בין אריינגעגאנגען אין הויז פלעג איך האבן צוויי רויטע באקן. מיין באבע פלעגט קושן די באקן און מיר געבן אן עפל אדער א באר.

מענטשן ארום מיר.

איך געדענק ווען מיר האבן געוואוינט אין א "סטאוו היט" דירה. א פרוי פלעגט אריינקומען און העלפן מיין מאמען מיך צו באדן. איך האב א הייסע באד ניט געגליכן און איך פלעג וויינען. איך געדענק פון א קאסע אין וואנט לעבן מיין בעטל. איך פלעג באהאלטן אן ארענדזש אין קאסע און אין דערפרי פלעג איך עס עסן.

יעדן טאג פלעג איך גיין צו מיין באבע און זיידן. איך פלעג אנצאפן וואסער אין א וואנע און זיך שפילן מיט א שיפל. די באבע פלעגט עס גלייכן אבער דער זיידע פלעגט ארויסלאזן די וואסער.

איך האב ניט געוויינט ווען איך האב אנגעהויבן לערנען אין דער ענגלישער שול. אין מיין קלאס איז געווען נאך א אינגל, וואס האט געהייסן אברהם. פלעגט די לערערין מיך רופן דער "קליינער אברהם" און דעם אנדערן אינגל — דער "גרויסער אברהם". איין קריסטמאס האט די לערערין געבראכט זויער מילך און מיר אלע האבן דערפון געמאכט פוטער און געגעסן מיט קרעקערס.

אין דעם אידישן לעבן האב איך אנגעהויבן מיט א העברייר־אישער שול. דארט האב איך גארניט געלערנט אכוץ העברייאיש. האב איך גענומען גיין אין שלום עליכם שול. בערקאוויטש, מיין

לערער האט געזען אז איך בין א פייאיקער אינגל און ער האט מיך אריינגעטאן אין פערטן קלאס. ביכער וואס איך האב געלייענט אין דער שלום עליכם שול זיינען: מאטל פייסי דעם חזנ'ס, פון שלום עליכם. בילדער פון ארבעטער לעבן אין אמעריקע, פון וויינשטיין; "מיינע קינדער יארן" פון פרץ הירשביין, און אנדערע.

איצטער האב איך חבר פאמעראנץ פאר א לערער. א אינטערעסאנטע זאך וואס מיר לערנען איז צייט־פראגן. איינמאל ווען מיר האבן אזוי גערעדט וועגן דער שרעקלאכער לאגע פון די אידן אין דייטשלאנד, האב איך געטראכט אז האמען לעבט נאך. אז ער לעבט היינט אין דעם יאר 1936. ווען דער קעניג האט געהאט האמענען אויפגעהאנגען, האבן די מענטשן שוין געדענקט, אז האמען איז טויט. האמען איז אבער ניט געווען טויט. זיין פרוי האט געבעטן איר מאנ'ס קערפער, האט מען אים איר געגעבן. זיין פרוי איז געווען א מאכעשייפע און האט געקענט צוריקברענגען איר מאן צום לעבן. האט זי געמאכט אז איר מאן זאל זיך אויפהויבן אין יאר 1932. ער איז צוריקגעקומען צום לעבן. האמען האט אבער געדארפט אנדערשן זיין נאמען, ווייל ער האט מוירע געהאט אז די אידן וועלן אים נאך דערקענען, אבער ער האט אנגעפאנגען זיין נאמען מיט א "ה", אזוי ווי דער "ה" אין זיין פריערדיקן נאמען. האט ער זיך גערופן "היטלער."

ברכה לייפמאן
12 יאר.

ס'איז נישט שיין

ס'איז נישט שיין צו דערציילן
אז אין שול די בעוורע קינדער
האבן ליב צו שרייען,
אז דער לערער איז נישטא.

אז דער לערער איז נישט געקומען,
איז אין צייט א טומל געווארן
אבער אז דער לערער איז געקומען
זיינען אלע קינדער שטיל געווארן.

מענדל שטיינבערג
13 יאָר.

מיין לעבן

ווען איך בין געוואָרן פיר יאָר אַלט געדענק איך אַז מיר האָבן געמאַכט אַ רייזע מיטן באַן. מיר אַלע דריי, מיין מ אַ מ ע, מיין ברודער און איך האָבן געמאַכט אַ רייזע קיין פילאַדעלפיע.

צוליב אַן אומגליק וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט ווען איך בין געווען איין יאָר אַלט האָב איך ניט געקענט רעדן. אַזוי זאָגט מיין מאַמע. באַגייסטערט פון דער רייזע אויפן באַן און פון זען אַזוי פיל נייע זאַכן האָב איך צוריק אָנגעהויבן רעדן. קומענדיק צו אונדזערע פריינט אין פילאַדעלפיע געדענק איך אַז מען האָט גערעט פון אַ וועלט אויסשטעלונג. מיינע עלטערן האָבן זיך זייער געפרייט מיט דעם וואָס איך האָב צוריק אָנגעהויבן רעדן. די וועלט אויס־שטעלונג איז געווען אַ 150 יאָריקער יובילייאום פאַר דער שטאָט.

וואָס איך קען געדענקען פון מיינע מיט־מענטשן איז שכיינעם פון דער זעלבער הויז. מיר האָבן געהאַט גוטע אינגלאַך, וואָס האָב ליב געהאַט צו שטיפן. מיין ברודער און איך האָבן אַ סך מאָל זיך גוט אַמוזירט.

ביי אונדז אין שטוב רעדן אַלע אידיש. מיין ברודער און איך האָבן דעקלאַמירט פּאָעמעס פון לייע האַפּמאַן און אַנדערע. ווען איך בין געווען קליין האָט מיין מאַמע פאַר מיר אַ סך פאַרגע־לייענט.

ניט קוקנדיק וואָס מען האָט ביי מיר אַרויסגעהאַקט צוויי ציין דעם ערשטן טאָג פון סקול, האָב איך ליב געהאַט לויפן אין סקול. ווען איך האָב צו ערשט אָנגעהויבן לערנען אין דער ענגלישער שול האָט מיין ברודער געדאַרפט מיך אַהיימנעמען פון סקול און פירן צו סקול. איינמאָל, האָב איך געוואַרט פאַר מיין ברודער. אָבער איך האָב אים ניט געקענט זען. בין איך אַליין געלאָפן אַהיים. מיין ברודער איז באַלד געקומען צולויפן און געשריגן אַז מענדעלע איז פאַרלאָרן. דאַן האָט ער מיך דערזען אין הויז.

איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער ענגלישער שול ווען איך בין געווען זעקס יאָר אַלט. אַלע אַנדערע קינדער האָבן גע־

וויינט, אָבער איך האָב נישט, ווייל איך בין געווען באַגייסטערט פון די אַלע נייע זאַכן. איך האָב פאַרפעלט אַ האַלבן סעמעסטער, ווייל איך האָב געהאַט אַ קינדערשע קראַנקהייט.

אין דער ענגלישער שול לערנט מען אַ סאַך. איצט אין מיין ענגלישער שול האָט מען אַ ביבליאָטעק און אַנדערע זאַכן. אין אַלגעמיין איז די ענגלישע שול אַ גוטע זאַך.

איך ווייס אַביסל פון אידיש, אַביסל פון געשיכטע, ליטעראַטור שרייבן און לייענען. איך האָב געהאַט דריי לערער. זיי זיינען: כאַווער בערנאַוויטש, כאַווער בערקאָוויטש, און כאַווער פּאַמעראַנץ. איך האָב אָנגעפאַנגען לערנען אין דער אידישער שול ווען איך בין געווען ניין. אויף מיין ניינטן געבורטסטאָג האָט מיין מאַמע מיך סורפּריזט און פאַרשריבן אין דער אידישער שול. אונדזער קלאַס האָט איבער געלייענט אַ צאָל ביכער. מיר האָבן געלייענט פון שלום עליכם, דובנאָוו, שלום אַש, דינעזאָן און אַנדערע. שלום עליכמס מאָטעל פּייסע דעם כאַזענס איז זייער אַ אינטערעסאַנט בוך. איך גיי אין שול שוין פיר יאָר און איך האָב געלערנט אַ סאַך.

מרים ווילקס
10 יאָר.

קינדער אַרבעט

אין אַ ווינקל פון אַ גאַס.
שטייט אַ אינגל מאָגער, בלאַס
שטענדיק אַפן זעלבן אָרט
שטיל, און רעדט ניט אויס אַ וואָרט.

פון זיין פריער קינדהייט אָן
ווייסט ער וואָס ער האָט צו טאָן
מאַכן גלאַנציק יענעמס שיך
אַרבעט שוין אַליין פאַר זיך.

הערשל לאכמאַן
15 יאָר.

מיין לעבן

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1921. ווען איך בין געווען זעקס מאָנאַטן אַלט האָט מען מיר געשטעלט פּאָקן אויף מיין האַנט. דאָס האָט זיך ניט אָנגענומען ביז דעם דריטן מאָל. איך האָב צוויי ברידער: איינער איז עלטער פון מיר און דער אַנדערער איז יינגער. איך בין געווען אַ גוט פרייליך קינד.

ווען איך בין געווען זעקס מאָנאַטן אַלט, זיינען מיינע ערשטע צוויי ציין אַרויסגעקומען. מיר האָבן די צוויי ווי געטאָן. איך האָב שוין געקענט גיין. ווען איך בין געווען פערצן מאָנאַטן אַלט. ווען איך האָב געקאָנט גיין האָט מיין מוטער מיך מיטגענומען שפּאַצירן אין פּאַרק. אַ שטיקל צייט שפּעטער בין איך געגאַנגען זיך שערן האָר. ווען איך בין אַריינגעקומען אין באַרבער שאָפּ האָב איך אַרומגעשפּאַצירט. איך האָב אַלץ באַטראַכט און געקוקט ווי מען שערט מיין ברודער די האָר. איך האָב זיך זייער פיין פאַר־בראַכט דאָרט. ווען מען האָט מיר אָנגעהויבן שערן די האָר האָב איך געקוויטשעט און זיך ניט געלאָזט. צוויי שערערס האָבן מיך צוגעהאַלטן און דער דריטער האָט מיר געשערט די האָר. ווען מען האָט מיר אָפּגעשאָרן די האָר, בין איך אַרויסגעלאָפן פונעם שאָפּ, אַריינגעקוקט אין פענסטער און אַוועקגעלאָפן.

איך האָב זייער ליב געהאַט ברעכן טעלער, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ סאַך טעלער.

ווען איך בין געוואָרן פיר יאָר בין איך געפאַלן איבער מיינע פיס און האָב צעבראָכן מיין נאָז. איך ווייס ניט וויפיל מאָל איך בין געפאַלן אויפן נאָז. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז מען קען אָפּערירן ביז איך וועל ווערן פערצן אָדער פופצן יאָר אַלט.

מיין באָבע האָט מיך געלערנט דעם אַלף־בית. זי איז געווען זייער גוט צו מיר אָבער זי איז געשטאָרבן ווען איך בין געווען אַ קליין קינד.

ווען איך בין געווען פינף יאָר אַלט האָב איך אָנגעהויבן גיין אין דער ענגלישער שול. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, קינדער האָבן זיך געשפּילט; אַנדערע זיינען אַרומגעלאָפן. איך האָב נישט געוויינט

און איך האב געוואלט גיין אין דער ענגלישער שול א לאנגע צייט; איך האב זיך געשפילט און זיך באקאנט מיט די קינדער. איך בין געגאנגען אין דער וואן האמבאלדט סקול. אין די נידעריקע קלאסן איז די ארבעט לייכט געווען אבער אין די העכערע קלאסן איז עס שווערער געווארן, און מיר האבן געדארפט שווער ארבעטן. ווען איך בין געווען ניין יאר אלט האב איך אנגעהויבן גיין אין חדר.

ווען איך בין געווארן בר־מצוה האב איך זיך אריינגעשריבן אין דער שלום עליכם שול. אין 1935 איז אונדזער לערער חבר בערקאוויטש אוועקגעפארן און מיר האבן געקראגן פאר א לערער חבר פאמעראנץ.

איך בין געווען א „פאלים בוי” און איינמאל ביי מיין זייט איז א קינד אריבערגעפארן געווארן, מען האט אים געפירט אין שפיטאל וואו ער איז געשטארבן.

אינעם יאר 1935, האב איך גראדואירט פון דער ענגלישער שול, איך בין אוועק אין דער ענגלישער היי־סקול.

איצט דארף איך גראדואירן פון דער אידישער שול. דאס איז מיין לעבן ביז איצט.

שמואל מארקין
13 יאר.

מיין לעבן

איך געדענק זיך אלס קינד פון פיר יאר, ווי איך בין געלאפן איבער'ן גאס און אן אטאמאביל האט מיר א קלאפ געגעבן איבערן קאפ. עס האט מיר זייער וויי געטאן און מיין פאטער האט גערופן א דאקטער. דער דאקטער האט געזאגט אז עס איז גארנישט, נאר א קליינער קלאפ אויפן קאפ אבער עס האט מיר גוט וויי געטאן. מיין מאמע האט געזאגט אז איך וועל דארפן זיין אין הויז עט־לאכע טעג זיך אויסצוהיילן און דערפאר האב איך ניט געקאנט ארויסגיין פאר א קורצער צייט. א פרוי, וואס האט געטריבן דעם אטאמאביל, איז ארויסגעקומען פון אטאמאביל זייער בלאס און

נערוועז און האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַר מיר, כאָטש עס איז געווען מיין שולד. דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר.

א האַלב יאָר שפּעטער בין איך געגאַנגען אין שפּיטאָל אַרויסצונעמען מיינע טאַנסילס. איך האָב שטאַרק געוויינט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט גיין. מיין וויינען האָט גאָרניט געהאָלפן, מען האָט די טאַנסילס אַרויסגענומען און נאָך א האַלבן טאָג בין איך אַהיימגעגאַנגען. פאַר עטלאָכע טעג נאָכדעם בין איך ניט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. איך פלעג קוקן ווי די קינדער שפּילן זיך און איך האָב זייער געוואָלט שפּילן מיט זיי. אָבער איך האָב ניט געקאָנט.

מיין ערשטער חבר איז געווען א אינגל מיטן נאָמען "אַרטי". אַלע מאָל האָב איך מוידע געהאַט פאַר אים. איינמאָל בין איך אין קאָס געוואָרן אויף אים און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן. דער סוף איז געווען אַז איך האָב אים באַזיגט און ער איז אַהיימגעלאָפן וויינען. פון דאַן אָן האָט ער מוירע געהאַט פאַר מיר און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס איך האָב אים געהייסן.

איין מאָל האָט מיין מאַמע מיר אָנגעזאָגט אַז איך דאַרף גיין אין סקול. מיר זיינען געגאַנגען זיך רעגיסטרירן. אויף מאָרגן בין איך שוין געגאַנגען אין קינדערגאָרטן. דעם קומענדיקן יאָר בין איך אַריינגעגאַנגען אין ערשטן קלאַס און אַזוי בין איך געגאַנגען ביז צום דריטן יאָר. איינמאָל האָב איך אָנגעהויבן לאַכן אין מיטן קלאַס און די לערערין האָט מיך אַרונטערגעשיקט אין אָפיס און איך האָב זייער געוויינט. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין זיבעטן קלאַס אין דער ענגלישער שול, האָב איך אָנגעהויבן אויך לערנען אין דער שלום עליכם שול. איך לערן דאָ די אידישע שפּראַך, לייענען און שרייבן און גלייך דאָס זייער.

נחמן לעוויץ
11 יאָר.

יאָסעלע

יאָסעלע איז געבאָרן געוואָרן אַווגוסט דעם פערטן, ניינצן הונדערט און פיר און צוואַנציק. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרעם. ווען יאָסעלע איז אַלט געווען פיר יאָר, האָט ער געשפּילט מיט אַ פּאָר חברים. ווען ער איז געווען פינף און אַ האַלב יאָר אַלט, האָט זיין מאַמע אים אַריינגעגעבן אין אַ שול. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט זייער גוט. נאָך שול פלעגט ער שפּילן מיט זיינע חברים. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט ער געזען ווי זיינע עלטערן פּלאָגן זיך אַזוי. זיין פאָטער האָט געזוכט אַרבעט, אָבער ער האָט ניט געקראָגן. יאָסעלע האָט געאַרבעט אַלע טאָג פאַר אַ מאַן. ער פלעגט נעמען קליינע פּעקלאַך און זיי צוטראָגן. ווען ער האָט געקראָגן זיין געלט פאַר דער אַרבעט, פלעגט ער דאָס געבן צו זיין מאַמע צו קויפן עסן. ווען יאָסעלע איז אַלט געווען דרייצן יאָר, איז ער אַריין אין מיטל שול. ער האָט געוואָלט זיין אַן עלעקטריקאַל אינזשינער. ער האָט געלערנט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. ווען ער איז שוין געווען צוויי יאָר אין מיטל שול, האָט זיין פאָטער געקראָגן אַרבעט אין אַ גרויסער פירמע. ווען יאָסעלע איז אַרויסגעגאַנגען פון מיטל שול האָט ער געפונען אַ פּלאַץ וואו מען דאַרף אַן עלעקטריקאַל אינזשעניר. זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער הויז וואו זיי האָבן פריער געוואוינט, אין אַ גרעסערער הויז. זיין פאָטער האָט אָפּגעשפּאָרט אַסאַך געלט. יאָסעלע האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג, שיין מיידל. זיין פאָטער איז געשטאָרבן ווען ער איז געווען פינף און פופציק יאָר אַלט. יאָסעלע און זיין ווייב האָבן געוואוינט מיט זיין מוטער. האַלב פון זיין געלט האָט ער געגעבן צו איר. אַסאַך מאָל האָט ער געטראַכט פון זיינע קינדערשע יאָרן. ווי ער האָט געשפּילט מיט זיינע חברים און וואו ער האָט געוואוינט. זיין מוטער איז געשטאָרבן אַ פּאָר מאָנאַטן נאָכ'ן טויט פונם פאָטער.

אברהם לימענעס
12 יאר.

א חלום פון מינעסאטע

ווען איך בין דריי יאר אלט געווען, האבן מיך מיין מאמע און מיין טאטע אוועקגעפירט קיין ראטשעסטער, מינעסאטע. מיר זיינען געפארן אף א באן און נאכדעם מיט א גרויסן באס. ווען מיר זיינען אריינגעפארן אין ראטשעסטער, זיינען מיר אלע צוגעפארן צו א גאסט הויז. נאכדעם זיינען מיר געגאנגען זען די עראפלאנען, ווייל עס איז נאך געווען אין דער פרי. איך בין אריינגעגאנגען אין אן עראפלאן און א "באי־סקאוט" האט מיר ארומגעוויזן אלע זאכן ארום דעם עראפלאן. עס איז געווען זייער אינטערעסאנט, אבער מיט אמאל האט זיך מיר אויסגעדאכט אז דער עראפלאן האט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, נאר עס איז נישט געווען אזוי. מיר זיינען נאך ארומגעגאנגען איבערן "לענדינג־פילד". אבער דער "באיסקאוט" האט מיך געפרעגט, "ווילסט פליען אין דער לופט?" האב איך געשאקעלט מיין קאפ און געזאגט: "יא." מיר זיינען אוועקגעפלויגן אין דער לופטן ווייט, ווייט, אוועק איבער יאמען און טייכן, איבער אפריקע און שפאניע און א סך אנדערע לענדער. מיר זיינען געפלויגן צו די עסקימאסן און צו די ווילדע מענטשן פון אפריקע. זיי האבן זיך צו אונדז געבוקט אזוי ווי צו א גאט. און זיי האבן מוירע געהאט צו גיין נאענט צום עראפלאן. די ווילדע מענטשן האבן אונדז געגעבן אסאך עסן און אנדערע זאכן און מיר זיינען ווייטער אוועקגעפלויגן. מיר זיינען געפלויגן צו דעם נארד־פאל. מיר זיינען אויך געגאנגען כאפן עטלאכע פאלער בערן. פון דאנען זיינען מיר געפלויגן קיין שפאניע. דארטן האבן מיר פריינט געמאכט מיט דעם קעניג. ער האט אונדז גענומען צו א "בול פייט" און מיר האבן געזען ווי מענער דערהארגענען זיי. מיר האבן געזען אסאך אנדערע שפילן. נאר מיט אמאל האט א בול זיך ארויסגעריסן און איז צוגעלאפן צום קעניג אים צו דערהארגענען אויף טויט. איך האב מיט אמאל געשריען מאמע! מאמע! און איך בין אראפגעפאלן פון בעט. ס'איז געווען זונטיק אינדערפרי ווען איך בין אראפגעפאלן פון בעט אין שיקאגע.

שלמה שעכטמאַן
12 יאָר.

קינדער יאָרן

די בעסטע יאָרן זיינען געווען ווען איך בין געווען אַלט פינף יאָר. איך בין דאַן געווען פריי פון שול און איך האָב געוואוינט מיט מיינע ליבע עלטערן, שוועסטער און ברידער אין ברוקלין. איך געדענק נאָך יעצט מיינע כאַווירים מיט וועלכע איך פלעג זיך אימער שפּילן. מיר האָבן געוואוינט אין אַ נייעם געגנט וואָס האָט זיך נאָר וואָס געבויט. איך און מיינע כאַווירים האָבן געהאַט אַסאַך פאַרגעניגן. מיר פלעגן אַרומלויפן פון איין הויז צו דער אַנדערער. וויל מיר זיינען אַלעמאָל געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי די אַרבעטער בויען אַ הויז פון האָלץ און ציגל. איך האָב פאַרגעשלאָגן מיינע כאַווירים מיר זאָלן אויך פּרובירן צו בויען אַ הויז, און מיר האָבן גלייך אָנגעפאַנגען. אַזוי ווי עס איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ דערבײַ, האָט יעדער איינער פון אונדז געטאָן וואָס ער קען. איינער האָט געבראַכט ציגל, אַ צווייטער האָלץ, אַ דריטער זאַמד און אַזוי קעסיידער. ווען מיר האָבן צוזאַמען געבראַכט אַלעס וואָס מיר דאַרפן, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. עס האָט געדויערט עטלאַכע שטונדן און מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ הויז מיט צימערן פאַר אַלע כאַווירים. נאָכדעם, האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקן פאַרדרוס וואָס מיר האָבן אַזוי שווער געאַרבעט, וויל ס׳איז געקומען דער אויפּפּאַסער און אַלעס פאַרניכטעט.

מאיר לאַכמאַן
12 יאָר.

אַ פאַרגלייך

אין חדר

אונדזער חדר געפינט זיך אויף הירש און קאַליפאָרניע. מיר האָבן עטלאַכע קלאַסן. איך געפין זיך אין דריטן קלאַס. אונדזער קלאַס צימער איז גראַדע אַ גרויסער צימער. דער לערער איז אַ פיינער מענטש. זיין נאָמען איז לערפילד. ער איז קנאַפּע זעקס פיס הויך. איך זיץ בײַ דעם טעלעפאָן. מיר לערנען ווי צו זאָגן

חומש לייענען, און שרייבן. די קינדער זיינען ניט מיינע גוטע פריינט.

אונדזער קלוב הייסט "יאנג איזראעל". זיי האבן געוואלט מאכן א צייטונג אבער עס האט ניט אזוי גוט אויסגעארבעט.

אין שול

אונדזער שול געפינט זיך אף 1214 נ. וואשטענאו. מיין לערער איז פאמעראנץ. מיר לייענען אסאך און ווען מיר ענדיקן א בוך, מאכן מיר א סימכע. מיר שרייבן קאמפאזיציעס און אנדערע זאכן.

אונדזער לערער כאווער פאמעראנץ גיט אונדז מאכן א בוך. אין דעם בוך וועלן זיין געדרוקט אסאך קאמפאזיציעס פון די שול קינדער.

דער פארגלייך

עס איז שווער צו זאגן אז איינער איז בעסער פון דעם אנ־דערן. איך דענק אז ביידע קענען זיך גאנץ גוט ארויסצייגן. מען קאן דערקענען אז דאס איז א שול און דאס איז א חדר.

פערל העגדלער
12 יאר.

די ענגלישע און די אידישע שול

אלע וואס וויסן וועגן דער אידישער שול, וועלן זאגן אז זי איז אסאך אנדערש פון דער ענגלישער שול. לאמיר נעמען א ביישפיל: אין דער ענגלישער שול לערנען מיר מער שטונדן און אין דער אידישער שול לערנען מיר ניט קיין רעכענען.

איין מאל ווען איך האב געבראכט אהיים מיין רעפארט־קארד פון סקול, האט מיין מאמע געזאגט אז דאס איז ניט גוט און אז זי וועט גיין אין סקול אויסגעפינען בא דער לערערין וואס זי קאן מיר העלפן. ווען איך בין אריינגעקומען מיט מיין מוטער האבן די מיידלאך ראכמאנעס געהאט אף מיר און די אינגלאך האבן געשפאסט פון מיר. נאך דער דערפארונג האב איך זיך גע־שווארן אז מיין מאמע וועט מער ניט קומען אין סקול צוליב אזא זאך.

אין דער אידישער שול איז עס אינגאנצן אנדערש.

שאלעם אליכעם איז א גרויסער אידישער שרייבער. אסאך מענטשן וועלן זאגן אז מיר קינדער פארשטייען נישט שאלעם אליכעמס מייסעס. אבער דאס איז א טאעס. שאלעם אליכעם שרייבט פאר קינדער און פאר גרויסע מענטשן. ער שרייבט קאַמישע זאכן און זייער קלאר און קלוג. איך דענק אז שאלעם אליכעמס מייסעס און ביכער זיינען בעסער פון אלע אנדערע ביכער.

איטע מילינסקי
11 יאר.

ווינטער

זע נאר, וואס פאר א ווייסער סעזאן עס איז. ווינטער!!! הורא!! עס גייט א שניי! די פייגעלאך וואס זיינען געבליבן, סווישטשען צווישן זיך, ווי זיי וואלטן געזאגט, "זע נאר, ווי די שנייעלאך פאלן אף אונדז, וואס מיינען זיי צו טאן. אונדז מאכן שענער ווי מיר זיינען יעצט? זיי וועלן אויסגעפינען אז מיר זיינען אזוי שיין אז מען קען אונדז שענער נישט מאכן. אט, אט, ברידערל, עס איז א שנייעלע געפאלן אף דיינע פעדערלאך. סארא אן אוולע."

די קינדערלאך פרייען זיך. עטלאכע עפענען זייערע מיילער און די שנייעלאך פאלן אריין. זיי ווארפן ארויף זייערע הענט און טאנצן ארום, לאכנדיק; נעמען זייערע שליטלאך און גייען אוועק צו א בארג; שליטלען זיך די גאנצע צייט. זייערע פענעמער ווערן רויט און זייערע האר פליען פון די ווינטן. איי, סארא גוטער סעזאן עס איז, ווייסער, שיינער, ווינטער.

אברהם פינק
12 יאָר.

אַ רייזע צו דער לעוואָנע

איך בין אַ צייטונג רעפּאָרטער. איך גיב אוים די געלט אַף דער רייזע צו דער לעוואָנע. ס'איז דער טאָג פון דער רייזע. איך פאַרבאַהאַלט זיך אין דעם עראָפּלאַן ווייל זיי ווילן מיך ניט נעמען. זיי ווילן ניט ריזיקירן מיט מיין לעבן.

מיר פאָרן שוין צו דער לעוואָנע, זיי געפינען מיך. מיר דערגרייכן די לעוואָנע. איך גיי אַרום אַף דער לעוואָנע. איך פאַר־ליר זיך. אין דריי טעג אַרום געפינט מען מיך.

מיר נעמען זאַכן וואָס געפינען זיך אַף דער לעוואָנע און פליען צוריק צו דער ערד. מיטאַמאָל שטעלן זיך אָפּ די מאָטאָרן און מיר הייבן אָן פאַלן, און פאַלן אַראָפּ אינגאַנצן. מיט אַמאָל דערפיל איך אַ קלאַפּ אין קאָפּ און איך וועק זיך אויף און איך ווייס אַז די רייזע צו דער לעוואָנע איז געווען אַ כאָלעם.

דבורה גערטלער
10 יאָר.

מיין פריינדין

איך האָב אַ גוטע פריינדין. זי איז זייער שיין. זי האָט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן.

איינמאָל זיינען מיר געגאַנגען אויפן גאַס. האָט זי אָנגעטראָפן אַן אַנדער מיידל. איך האָב שוין געדאַרפט אַרויפגיין אין שטוב. די אַנדערע מיידל איז געווען אַף דער אַנדער זייט גאַס, האָט זי גערופן מיין פריינדין צו זיך.

מיין פריינדין האָט געוואָלט אַריבערגיין די גאַס און האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, איז אָנגעלאָפן אַן אָטאָ־מאָביל און איר איבערגעפאָרן. איר מאַמע איז אַרויסגעקומען און איר גענומען אין שפּיטאָל. איר טאַטע איז אָבער נישט געווען אַהיים. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט מען אים געדאַרפט זאָגן די גאַנצע מייסע, איז ער געגאַנגען אין שפּיטאָל. דעם קומענדיקן שאַבעס בין איך געגאַנגען אין שפּיטאָל. אַרום פינף וואָכן שפּעטער איז זי געקומען אַהיים און איז געוואָרן בעסער.

יאסל מוישע הייליג
12 יאָר.

מיין לעבן

איך בין אַ קליין אינגל און איך האָב געלעבט מיט מיין מוטער פינף יאָר. דאַן האָב איך געדאַרפט גיין אוועק. איך בין אוועקגעגאַנגען דערפאַר וואָס מיין מאַמע האָט געגעט מיין פאָטער. מיין מאַמע האָט נישט געקענט האָדעווען מיך. אין דער פרי בין איך געגאַנגען צו אַ גרויסער הויז. מיר זיינען אריינגעגאַנגען אין הויז. אין הויז איז געווען אַ גרויסע צאָל אָפיסעס. מיין מוטער איז געגאַנגען אין אַ אָפיס וואָס האָט אַ גרויס שטיקל פאַפיר, און אויף דעם פאַפיר איז געווען אָנגעשריבן, "די דזשואיש האום פיינדינג סאָסייעטי", מיין מאַמע איז אריינגעגאַנגען. אין דעם אָפיס איז געווען אַ פרוי. מיין מאַמע האָט געפרעגט באַ דער פרוי אויב זי קען מיר געבן אַ היים. די פרוי האָט גערופן אַן אנדער פרוי פון דעם צווייטן צימער, און האָט איר געפרעגט די זעלבע פראַגע. זי האָט געענטפערט אַז זי האָט אַ היים פאַר מיר.

דעם צווייטן טאָג בין איך געקומען צו דער זעלבער הויז. איך האָב געזען די זעלבע פרוי. איך בין געווען שטיל.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַן אָטאָמאָביל געקומען און מיך אוועק גענומען. איך בין אריין געקומען אין אַ שיינער הויז. ווען מען האָט מיך פאַרגעשטעלט האָב איך אויסגעפונען אַז דער נאָמען פון דער פרוי איז געווען מיסעס קלאַמקאָ.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום איז מיסעס קלאַמקע'ס זון געשטאָרבן, זי האָט געוויינט זייער שטאַרק. איך האָב געדאַרפט אוועקגיין אין אַן אַנדער היים. אין דער נייער היים האָט אַלץ אויסגעקוקט שיין. איך האָב אויסגעפונען אַז זייער נאָמען איז דזשייקאָבסאָן. איך וואוין מיט די דזשייקאָבסאָנס פיר יאָר. יעצט בין איך אין דעם פינפטן יאָר. איך האָב אַלע מאָל געהאַט אַ גוטע צייט. און איך לעב, דאָרט נאָך איצט. דאָס איז מיין מייסע.

ביילע ווינאַווסקי
10 יאָר.

די שול

איינמאָל איז אַ מאַן, יאַנקל, געגאַנגען אין גאַס, האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין פריינט, בערל. האָט יאַנקל געזאָגט:

— בערל, דו ביסט דאָך מיין איינציקער פריינט. און איך האָב אַ פּלאַן פאַר אונדז ביידן.

זאָגט בערל:

— נו וואָס?

האָט יאַנקל אַרויסגעזאָגט:

— לאָמיר עפענען אַ אידישע שול פאַר קינדער.

— מיר וועלן גאָרניט דאַרפן באַצאָלן? ווי וועלן מיר זי אַ נאָמען געבן?

— מיר וועלן זי אַ נאָמען געבן "פרייע שול", ווייל זי וועט זיין פריי פאַר אַלע אָרימע קינדער. איך דענק אַז דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. מיר וועלן עפענען די שול אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. אַ גוטע נאַכט!

און זיי האָבן זיך צעשיידט. יעדער איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

עס איז פאַריבער אַ וואָך און אַ מאַמע האָט זיך דערוואוסט וועגן דער שול. די מאַמע האָט געהייסן „מאַדאַם פוקס." זי קלערט זיך אַליין: "איך וועל שיקן מיין טאָכטער מיריאַם אין דער שול; דאָרט וועט זי זיך אויסלערנען ריידן, שרייבן און לייענען אידיש. עס וועט זיין אַ גוטער פּלאַץ פאַר איר.

עס איז פאַריבער אַ וואָך און אַ האַלב און די צוויי חברים האָבן געעפנט די שול און די טאָכטער פוקס און אַ סך אַנדערע קינדער זיינען דאָרטן געקומען. אין אַ פּאָר טעג איז צוגעקומען דאָס פופציקסטע קינד.

אין די קלאַסן פלעגן זיי אַלע לערנען מיט כיישיק. מיין קלאַס פלעגט קומען פון זיבן ביז ניין אזייגער אין דער פרי; נאָך זיי איז געקומען אַ צווייטער קלאַס וואָס פלעגט לערנען פון ניין ביז עלף; נאָך עלף פלעגן די קינדער אַהיים גיין. עסן קינדער פלעגן ווידער אָנהויבן לערנען אַרום צוועלף אזייגער און דאָרט בלייבן ביז דריי. נאָך דריי פלעגן קינדער אַהיים גיין צופרידענע און האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז מאָרגן ווען זיי האָבן ווידער געדאַרפט גיין אין שול אַריין.

יאָסל ריד

13 יאָר.

מיינע שול דערפאַרונגען

איין טאָג האָט מיין טאַטע געזאָגט צו מיר: "יאָסל ווילסט גיין אין שול?" איך האָב געזאָגט יאָ, ווייל מיין פריינט גייט אויך אין דער זעלבער שול. ווען איך בין געקומען, האָט דער לערער געזאָגט: "ווי הייסטו, וואָס איז דיין אדרעס און ווי אַלט ביסטו?" ווען איך האָב געענטפערט די פראַגעס, האָט ער געגעבן מיר אַ ביכל און אַ פּלאַץ צום זיצן. ווען איך האָב געלייענט, האָבן די קינדער געלאַכט פון מיר, ווייל איך האָב ניט געקאָנט לייענען אַזוי גוט. איך האָב זיי אָבער געזאָגט, "וואַרט ביז פרייטיק וועל איך לייענען אַזוי גוט ווי איר. נאָכן לייענען האָבן מיר געשריבן וועגן געשיכטע פון די אידן. די געשיכטע פון די אידן איז זייער טרויעריק אַף אַזוי פיל וויפיל מיינע עלטערן דערציילן מיר.

נאָך דעם האָט דער לערער אונדז געגעבן אַסאַך היים־אַרבעט און דאָס איז געווען לייענען, שרייבן, מאַכן אַ קאָמפּאָזיציע, און לייענען געשיכטע. און אַזוי האָב איך זיך צוגעוואוינט צו באַזוכן די אידישע שול און איך גליך צו לערנען אַלץ וואָס עס טוט זיך וועגן אידן.

אין שול האָב איך זיך באַקענט מיט אַסאַך פריינט. זיי האָבן מיר געהאָלפן אין מיין לייענען און שרייבן. אין אָנפאַנג איז דאָס לערנען און שרייבן געווען זייער שווער, נאָר מיט דער הילף פון מיינע פריינט איז עס מיר געוואָרן גרינג.

דורך דער צייט ווען איך בין געווען אין שול, האָב איך געהאַט דריי לערער: בערקאָוויטש, קריימער און פּאָמעראַנץ. אַלע דריי לערער זיינען געווען זייער גוט.

יעדן פרייטיק אין שול האָבן מיר אַ קלוב זיצונג. מיר האָבן געהאַט אַסאַך סימכעס פאַר די יאָנטויווים; די סימכעס זיינען געווען זייער גוט.

איך גליך צו גיין אין שול און לערנען אידיש.

יודל גינזבורג
11 יאָר.

די ערשטע און לעצטע וואָך אין „קאָונטרי“

זינט איך געדענק פאַרן מיר אַלע זומער אין "קאָונטרי." ווי עס קומט אָן דער פרילינג, קומט אין מיין האַרצן אַ פרייד פון דער־וואַרטונג. ווען מיר פאָרן אַוועק אין "קאָונטרי" איז נאָך אַלץ גרין און ווען מיר קומען צוריק אין שטאָט בלומט אַלץ, דאָס גראָז איז גרין און מיין קליינער ברודער מיינט אַז אין קאָונטרי איז קיינמאָל ניט ווינטער, און איך מיין אַז איך בין גאָרניט אַוועקגעפאָרן.

שלעכט איז נאָר וואָס מען קען אַ גאַנצע וואָך ניט זען דעם טאַטן. צו זאָגן וואָס פאַר אַ טייערער חבר מיין טאַטע איז מוז איך עפּעס זאָגן פון מיין מישפּאָכע.

מיר זיינען פיר: מיין טאַטע, מאַמע, איך און מיין ברודער. מיין מאַמע איז אַ ליבע. איך בין דער גליקלאַכסטער אינגל אַז איך קום פון שול און טרעף איר אין שטוב. מען קען צו איר פון אַלץ ריידן און אַלץ פרעגן. מיין מאַמע און די אידישע שול איז מיין נעשאָמע. איך פאַרשטיי דורך זיי אַלץ וואָס איך וויל פאַרשטיין. נאָר מיין מאַמע אַז זי זאָגט "גיי עסן" אָדער "גיי שלאָפן", איז גאָר קיין טערעץ ניטאָ, מען מוז גיין. מיט מיין טאַטן איז שוין אַנדערש. ער זאָגט "קינדער גייט שלאָפן." פאַרשטייען מיר שוין און מיר גייען שלאָפן. קומט מיין טאַטע אין אונדזער צימער. ער לייגט זיך אַוועק אפן בעט און ער רעדט מיט אונדז. און ווען די מאַמע קומט זען אויב מיר שלאָפן שוין, זאָגט אונדז דער טאַטע אַז אַז זי קומט און מיר מאַכן זיך שלאָפנדיק. אַז זי גייט אַוועק, הייבן מיר ווייטער אָן צו רעדן. אַז מען דאַרף זיך אַ גאַנצע וואָך ניט זען מיט אַזאַ ליבן טאַטן איז ניט גוט. נאָר מיר טרייסטן זיך אַז שאַבעס וועט ער קומען און מיר וואַרטן אים אָפּ עמעס יאָנטעוודיק, ווייל אין אונדזער קאָנטרי זיינען אַלע אידן, און אַלץ איז אידיש.

נאָר לעצטן זומער האָט מיין טאַטע ניט געקענט קומען אַלע וואָך. דאָס איז שוין ניט געווען אַזוי גוט. נאָך צוויי וואָכן ניט קומען האָט ער נעדאַרפט קומען "לייבאָר דיי" אונדז נעמען צוריק

אין שטאָט. מיר וואַרטן אַף די צייט ווען ער קומט און ער איז ניטאָ. אין אוונט אויך ניטאָ. אַף מאָרגן דענקען מיר אַז אַן אומגליק האָט זיכער מיט אים געטראָפֿן. איך האָב אויסגעמיטן ניט צו רעדן צו מיין מאַמע און מיין מאַמע האָט אויסגעמיטן ניט צו רעדן צו מיר. דעם געפיל וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אין דער פרי קומט דער בריוו טרעגער. איז מיין מאַמע אוועק וואַרטן אַף אים.

אַזוי ווי שלאָפֿן האָב איך ניט געקענט און עסן אויך ניט, בין איך שטים מיטגעגאַנגען. אַסאַך מענטשן זיינען זיך שווין צעפאָרן, האָבן די שטיבלאַך אויסגעזען פאַרלאָזן און זייער אומעטיק. איך קוק זיך אַרום און זע אַז מיין ברודער, דעמאָלט פינף יאָר אַלט, קומט צו אונדז אַליין. איצט זעען מיר דעם בריוו־טרעגער קומען און ער זאָגט אַז סאיז ניטאָ קיין בריוו פאַר אונדז. זיינען מיר געבליבן שטיין. גאָר ניט גערעדט, און גיין האָבן מיר אויך ניט געקענט. דערווייל האָט דער בריוו־טרעגער זיך אַרומגעדרייט און ברענגט אונדז אַ בריוו פון מיין טאַטן. האָבן מיר זיך אַלע געפרייט מיט טרערן אין די אויגן. די איבערלעבונג וועל איך אין מיין גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן.

דבורה האָפמאַן
13 יאָר.

צעקריגט מיט מיין כאַווערטע

איין מאָל האָב איך גערופֿן מיין כאַווערטע עסטער און זי געבעטן אַריבערקומען צו מיר אַהיים. זי האָט מיר געזאָגט אַז זי קען ניט ווייל זי דאַרף אַוועקגיין אין טעאַטער. מיט עטלאַכע שאָ שפּעטער האָב איך זי געזען אין גאַס זיך שפּילן מיט די קינדער.

איך האָב מיט איר ווייטער גערעדט און ווידער געבעטן איר אַז זי זאָל קומען צו מיר. האָט זי מיר ווייטער געזאָגט אַז זי איז פאַרנומען און אַז זי דאַרף אַוועקגיין. אויפֿדערנאַכט האָב איך געזען אַז זי זיצט גאָר באַם פענצטער. האָב איך זי גערופן, האָט מיר איר קוזינע געענטפערט אַז "עסטער איז אַוועקגעגאַנגען אין טעאַטער."

אַז מיין מוטער האָט דאָס דערהערט, האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל זיך מער נישט שפּיל מיט מיין פריערדיקער כאַווערטע.

בלומע העלפער
12 יאָר.

די שלום-עליכם שול

איך בין ערשט געקומען א היים פון שול. איך זיץ מיט מיין מוטער און דערצייל איר וואָס עס האָט היינט פּאסירט אין דער אידישער שול. „מוטער", זאָג איך, „היינט האָט אונדזער לערער געזאָגט אז די שלום עליכם שולן וועלן ארויסגעבן א פרילינגבוך און אז יעדעס קינד קען עפּעס שרייבן פארן בוך. אויב יעדעס קינד פון קלאס וועט אריינברענגען צו דריי קאָמפּאָזיציעס וועט מען האַלטן א קאָנטעסט. אונדזער לערער וועט ארויסגעבן דריי פרייזן פאר דער ערשטער, צווייטער און דריטער בעסטער קאָמפּאָזיציע. איך וויל עפּעס שרייבן פארן קאָנטעסט, אָבער פון וואָס זאָל איך שרייבן?" „וואָס דענקסטו, בלומע?" זאָגט מיין מאַמע, איך זע אז דו ווילסט שרייבן א שיינע זאך; שרייב ווי שווער עס איז אן אַמעריקאַנער אידיש קינד צו רעדן אידיש".

„יאָ, מאַמע, פון דעם קאָן איך זיכער שרייבן, ווייל איך בין איינע פון די קינדער מיט דער פּראָבלעם". עס איז אַ פּאַקט אַז דאָס אידישע קינד אין אַמעריקע קען נישט אַזוי גרינג לערנען די אידישע שפּראַך. ער גייט אין אַ גוטער שול מיט אַ גוטע רעפּוטאַציע. דער לערער העלפט אים און טוט אַלץ וואָס ער קען. אָבער דאָס קינד קען ניט רעדן אַ גוטן אידיש. זיין וויסן פון אידישע ווערטער קען זיין קליין, גוט אָדער גרויס, נאָר ער קען זי נישט נוצן אין גוטע זאכן. זיין גראַמאַטיק איז זייער שוואַך. און ביז ער קריגט אַרויס אַ גוטן זאַץ, ווערט זיין גאַנצע מיינונג פאַרלאָרן.

דאָס איז ווייל אַ קינד אין אַמעריקע איז ווי יעדעס קינד פון אנדערע פעלקער וואָס וואוינען דאָ אין לאַנד. ער גייט אין דער ענגלישער שול און שפּילט זיך מיט גויאישע קינדער. ער איז ניט אזוי פרום ווי דאָס אידישע קינד אין דער אַלטער היים און איז ניט אזוי באוואוסטזיניק פון דעם פּאַקט אז ער איז אַ איד. ער גייט ניט אין שול קריסטמעס, אזוי ווי די גויאישע קינדער, גיט און קריגט קריסמעס מאַטאַנעס און וויל האָבן א קריסמעס בוים בא זיך אין דער היים. ער טוט עס ווייל אַלע אַנדערע קינדער, זיינע חברים, טוען דאָס און ער וואוינט מיט זיי און וויל זיי נאָכטאָן.

דאָס אידישע קינד מאַכט גרייזן איינעם נאָכן אַנדערן אין רעדן און קאָן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער דאַרף גיין אין דער אידישער שול אנשטאָט צו שפּילן זיך און האָבן שפּאַס מיט די אַנדערע קינדער.

אַלס הילף צו דעם, זאָגט דער לערער, זאָל מען רעדן אידיש אין דער היים. נאָר דאָס אַליין איז ניט גענוג. דאָס אידישע קינד אין אַמעריקע דאַרף האָבן זייער אַסאַך ווילנסקראַפט, און דאָס דורכשניט קינד האָט דאָס ניט.

אויב אַ קינד וויל, איז ניט פויל צו טאָן די אַרבעט און האָט אַ גוטע קאָפּ, קען ער לערנען די אידישע שפּראַך.

חיה שרה שניידער
11 יאָר.

פון מיין קינדהייט

ווען איך בין געווען אַ קליין קינד פון דריי יאָר, האָב איך געהאַט אַ רויטן מאַנטל. ווען זומער איז געקומען זיינען מיר געפאָרן אין קאַונטרי. איינמאָל האָט מיין מאַמע מיך אַרויסגעלאָזט זיך שפּילן לעבן הויז. מיט פופצן מינוט שפּעטער האָט מיין מאַמע מיך גערופן אָבער איך האָב ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון הויז מיך זוכן. זי האָט מיך ניט געזען אַרום הויז.

פון ווייטנס האָט זי דערזען אַ מאַן מיט אַ קליין מיידעלע, אַזוי הויך ווי איך בין געווען. דאָס מיידעלע האָט געטראָגן אַ רויטן מאַנטל. די מאַמע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

איך בין געווען הינטערן הויז און די מאַמע האָט ניט גע־דענקט צו קוקן אַהין. זי האָט גערופן מיין טאַטן און זיי האָבן מיך ביידע געזוכט. אַז זיי האָבן מיך ניט געפונען, האָבן זיי געמיינט אַז דער מאַן האָט מיך גענאַנוועט. אין פינף מינוט אַרום בין איך געלאָפן צו מיין מאַמע און צו מיין טאַטע. מיין ווייס קליידעלע איז געווען שוואַרץ און מיין ריין פּאָנעם איז געווען שוואַרץ.

מיין מאַמע האָט עס ניט באַמערקט ווייל זי איז געווען צו־פרידן מיך צו זען. איצט ווען מיין מאַמע דערציילט וועגן דעם, לאַך איך דערפון.

יהודית האפמאן
12 יאָר.

אַ ווינטער נאַכט

ס'איז געווען אַ קאַלטע נאַכט. אַן אַלטער מאַן איז געגאַנגען איבער דער גאַס. עס זיינען נישט געווען אַ סאַך מענטשן אינדרויסן. דער אַלטער מאַן איז געווען בלינד, און האָט ניט געקענט זען ווי צו גיין. אַ קליין מיידעלע איז אַנגעקומען און געזאָגט: „קען איך אייך העלפן?"

„איר וועט זיין אַזוי גוט און העלפן מיר איבערגיין די גאַס". האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: „וואו וואוינט איר?" האָט דאָס מיידעלע געענטפערט, „אָ, איך וואוין איבעראַל. איך בין זייער אָרעם, און קען ניט זען ווי צו גיין". האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט, קענט איר עפשער וואוינען מיט מיר, און זי האָט דעם אַלטן מאַן אריינגעפירט אין איר הויז. "איר זייט אוודאי הונגעריק, יאָ?" און זי האָט אים געגעבן אַ סאַך זאַכן צום עסן. דערנאָך האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט, „האָט איר אַ טאַטע און מאַמע?" — „אוודאי" האָט דאָס מיידעלע געזאָגט. „מיין טאַטע און מאַמע זיינען אוועקגעגאַנגען. אָבער יעצט גייט אריין אין שלאָפצימער און גייט שלאָפן". אינדערפרי האָט דער אַלטער מאַן געוואונדערט אויב ער וועט דאָרטן קענען פאַרבלייבן. ער איז אריין אין קיך. דאָס מיידעלע און איר מאַמע זיינען דאָרטן געווען. „אַ גוטן טאָג," האָט איר מאַמע געזאָגט." מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט וועגן אייך. איצטער זעצט זיך אוועק און נעמט עפּעס צום עסן." אַ גאַנצן טאָג איז דער אַלטער מאַן געווען פריילאַך און גליקלאַך. אין אוונט האָט דאָס מיידעלע געפונען אַז דער אַלטער מאַן איז ניט געווען. זי איז אריינגעלאָפן אין קיך און האָט דערציילט איר מאַ־מען." וואו קען ער גיין; ער איז דאָך בלינד און קען ניט זען ווי צו גיין" האָט די מאַמע געזאָגט. זיי האָבן ניט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָט די מאַמע דערציילט די פּאָליציי, און זיי האָבן אים געזוכט איבעראַל.

עס איז אוועק אַ יאָר. איינמאָל איז דאָס מיידעלע געגאַנגען צו איר פריינט. לעבן איר הויז האָט אַן אַלטער מאַן איר אָפּגעשטעלט

און געזאָגט, „ביסטו דאָס מיידעלע וואָס וואוינט דאָ?" — „יאָ, דאָס בין איך. קען איך עפּעס טאָן פאַר אייך?" האָט זי געפרעגט. "יאָ", האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט", זייט אַזוי גוט און נעמט מיך אַריין אין אייער הויז, ווייל איך האָב דאָרטן גע־וואוינט אַמאָל." — „אוי," האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, „איר זייט דער אַלטער מאַן וואָס איך האָב אַריבער געפירט איבער דער גאַס דעם ווינטער פאַר נאַכט, געדענקט איר? און איצט קענט איר זען ווי צו גיין, ווי קומט עס?" האָט דאָס מיידעלע געפרעגט. „עס איז אַ לאַנגע מייסע. איך וועל אייך דערציילן אַן אַנדער מאָל. איצטער בין איך געקומען צוריק צו וואוינען ביי אייך ווי לאַנג איר ווילט מיר נאָר.

חנה שרה פּוטערמאַן
12 יאָר.

ווי שרה איז געזונט געוואָרן

שרה, אַ קליין מיידעלע, זיצט באַם טיש און האַלט אירע הענט אויפן פּאַנעם. די מאַמע רעדט צו איר: — "שרה, פאַרוואָס עסטו היינט ניט?" ענטפערט שרה: "אַ, מאַמע, דו ווייסט אַז איך האָב פיינט גרינסן." ווערט די מאַמע באַרויגעס און הייסט איר גיין אין איר צימער און וואַרטן ביז זי וועט איר רופן. שרה לאָזט אַראָפּ די קאָפּ און גייט אַוועק פון טיש.

שרה קומט אַריין צו זיך אין צימער, פילט זייער מיד און וויל גיין שלאָפן. זי לייגט איר קעפּל אויף אַ בענקל און פאַרמאַכט אירע אייגעלאַך. מיט פאַרמאַכטע אייגעלאַך דערזעט זי אַ מיידל מיט אַ ווייסער קלייד קומט אַריין. שרה עפנט אירע אייגעלאַך און דער־זעט אַ פייע, ווערט זי אויפגערעגט.

די פייע באַרואיקט זי און זאָגט איר אַז אויב זי וועט ניט עסן וועט זי בלייבן אַ קליין מיידעלע שטענדיק. אַז זי וועט עסן, וועט זי האָבן רויטע באַקן מיט אַ שיין פּאַנעם.

די פייע גייט אַוועק און שרה רייבט אויס אירע אייגעלאַך און הערט ווי די מאַמע רופט זי צום עסן. שרה זעצט זיך באַם טיש און נעמט עסן. די מאַמע קוקט אויף איר און וואונדערט זיך שטאַרק.

לייבל גרינשפאן
13 יאָר.

אונדזער רייזע קיין קאַליפאָרניע

דאָס איז געווען זיבן יאָר צוריק. מיין מוטער, שוועסטער און איך זיינען געפאָרן קיין קאַליפאָרניע. צוערשט זיינען מיר אריינגע־פאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, און דאָרטן האָבן מיר געוואוינט בא אונדזערע אייגענע. זיי האָבן אונדז ארומגעפירט איבער דער שטאָט, גענומען צו "האָליוואוד באָל", דאָרטן האָבן מיר געזען אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

איין טאָג כאַפּ איך זיך אויף, זאָגט מיר מיין מומע אַז מיין מאַמע און שוועסטער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ. איך בין געווען בארויגעס ווייל זיי האָבן מיך ניט גענומען. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון סאַן פראַנציסקאָ, זיינען מיר אַלע געפאָרן צום קאַטאַלינאַ־אינדזל. מיר האָבן דאָ געוואוינט אין אַ טוריסטן־קעמפּ. מיר האָבן געזען דאָס פעלד וואו די "קאבס", די באָל שפּילער פּראַקטיצירן אין ריגלי'ס היים.

באַנאַכט זיינען מיר געפאָרן אַף אַ שיף, וועמעס דיל איז פון גלאָז, און דורכן גלאָז האָבן מיר געזען דעם גרונט פון יאַם מיט די אַלערליי פיש און שטיינער און אַ מאַן איז געשוואומען אונטערן וואַסער.

דערנאָך האָבן מיר געוואוינט אין סאַנטאַ־מאָניקאַ באַם יאַם. אונדזער שאָכן האָט געהאט צוויי גרויסע הינט און אַלעמאָל ווען איך האָב זיי דערזען בין איך געלאָפן צו מיין מוטער פאַר שרעק. דער שאָכן איז געווען אַ גוטער מענטש.

איך פלעג זיך באָדן אין יאַם. איך האָב ניט געקענט אויס־האַלטן די געזאַלצענע וואַסער.

איין נאַכט זיינען מיר אַלע געשלאָפן. די ערד האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און די טעלער זיינען געפאַלן פון די פּאָליצעס און מיין שוועסטערס בעט האָט זיך אריבערגעקערט. אין דער פרי האָבן מיר געלייענט אין די צייטונגען אַז דאָס איז געווען אַן ערד־ציי־טערניש.

פון דאַנען זיינען מיר שוין אוועקגעפאָרן אַהיים און אַפן וועג האָבן מיר זיך בלויז אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטל אין ניו מעקסיקאָ, וואו מיר האָבן געקויפט פאַרשיידענע סואווענירס.

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים האָט מיין פאָטער אונדז באַ־געגנט און מיר זיינען געווען זייער צופרידן.

אסתר ראָזנשטיין
12 יאָר.

די מיידעלע

אַ קליין מיידעלע איז געגאַנגען איבערן גאַס. זי איז געווען אַ יתומה. איר מוטער איז געשטאָרבן צוויי מאָנאַטן פריער. די מיי־דעלע האָט געזען אַ שיינעם אַטאָמאָביל. אין דעם אַטאָמאָביל זיינען געווען צוויי קינדער, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע און זייער מוטער. די מוטער האָט געזאָגט צו דער יתומה ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען: „קליין מיידעלע, דו זעסט אויס הונגעריק און מיד. דיין קלײדל איז צעריסן; ווילסטו גיין אַהיים מיט מיר און עסן און טרינקען?”

די ליבלאַכע פרוי האָט גענומען די מיידל אַהיים און ווען זי האָט אויסגעפונען אַז די מיידל איז אַ יתומה, האָט זי געזאָגט אַז זי וועט זי אדאָפּטירן אַלס איר קינד.

מאַטעס יאָשפע
12 יאָר.

די צושניטענע האַנט

די ערשטע זאַך וואָס איך געדענק אין מיין לעבן איז געווען ווען אַ פּאָר פּאָליאַקן זיינען צוגעקומען צו מיר און מיר צעקלאַפּט מיין האַנט. איינער פון זיי האָט ארויסגענומען אַ מעסער און אַ האַק געטאָן מיר איבער מיין לינקער האַנט. איך בין אַוועק געלאָפן מיט טרערן אין די אויגן און זיי האָבן אויסגעשאָסן אין אַ גע־לעכטער און גענומען לויפן נאָך מיר.

גליקליכערווייז בין איך געווען ניט ווייט פון מיין היים. מיין גוטע מאַמע האָט באַלד דערהערט מיין געוויין און איז ארויס גע־לאָפן פון הויז זען פאַר וואָס איך וויין. צו דער מינוט האָט זי מיך

פארהיט פון איין ערנסטן אַנגריף פון מיינע פאַרפאַלגער, פון דאַ־
מאַלט אַן היט איך זיך ניט צו קריגן אַנגעבראַכן מיינע ביינער.

חיים וואַרן
12 יאָר.

די שול

אין דעם יאָר 1931 האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין דער שלום עליכם שול. איך האָב ניט געוואוסט קיין וואָרט אידיש. מיין ערשטער לערער איז געווען באַרזילי. ער האָט אונדז געלערנט זייער גוט. ער האָט מיך גענומען אין אַ ווינקל און האָט מיר גע־האָלפן לערנען. אין אַ פּאָר וואָכן האָט ער מיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ער האָט גענומען די קינדער אין דעם פּאַרק און אַן אַנדער מאָל אין אַ קינאָ.

באַרזילי איז געווען אַ מאַן וואָס האָט פיינט געהאַט נאַריש־קייטן.

דער צווייטער לערער איז געווען אַ מאַן מיט דעם נאָמען בערקאָוויטש. ער איז געווען אַ גוטער און פריילאַכער מאַן. ער האָט גענומען די קינדער צום אַנדערן זייט פּאַרק, וואו מען האָט געלערנט זינגען. זינגען איז געווען איינע פון זיינע באַליבטע זאַכן און ער האָט געלערנט זייער גוטע לידער. איך קען געדענקען ווען ער האָט געגעבען די קינדער מוזיק צו נעמען אהיים. ער האָט גע־געבן די קינדער דריי זייטן צו שרייבן פון אַ בוך. אַלע טאָג בין איך געגאַנגען מיט אים צום טראַמוויי. איינמאָל האָט אַן אַנדער מאַן אָנגעהויבן לערנען די קינדער. זיין נאָמען איז פּאָמעראַנץ. ער לערנט מיט אַלע קינדער אין דיביידע שולן.

פעסי מילמאַן
12 יאָר.

פּסח

די ערשטע וואָך אָדער די צווייטע וואָך אין אַפּריל איז פּסח. פּסח איז אַכט טאָג. די ערשטע צוויי טעג פּראַווען מיר אַ סיידער. די אידישע קינדער לערנען ניט אין סקול די ערשטע צוויי טעג און די לעצטע צוויי טעג פּסח. די אַנדערע פיר טעג גייען מיר

אין סקול. מיינע צוויי טאַנטעס און מיין פעטער און מיינע דריי קאַזינס קומען צו אונדז און מיר פּראַווען אַ סיידער.

מיין זיידע דערציילט אונדז די מייסע פון פּסח. פאַר פינף יאָר האָב איך געפרעגט די קאַשעס. אַלע האַלבע שטונדע טרינקען מיר וויין. שפּעטער נעמט דער זיידע אַ ציבעלע און אַ ביסל מאָרער און ער ווייקט דאָס אין זאַלץ־וואַסער און נאָך דעם עסט ער דאָס מיט אַן איי. ווען ער האָט געענדיקט די מייסע פון פּסח, עסן מיר. מע קען עסן נאָר מאַצע. מע טאָר ניט עסן קיין ברויט. מיר האָבן זייער גוטע זאַכן צום עסן. איידער אַלע מענטשן קומען, דער זיידע באַהאַלט אַ פאַר מאַצעס. ווען מיר האָבן געענדיקט עסן, זאָגט דער זיידע אַז אַלע קינדער זאָלן זוכן די מאַצעס. דאָס קינד וואָס געפינט די מאַצעס, קריגט עפּעס אַ מאַטאָנע. שפּעטער גייען אַלע מענטשן אַהיים. אַלע פּסח שפּילן מיר אין נים. מע קען ניט עסן אַלערליי צוקערקעס. מע קען נאָר עסן פּסחדיקע צוקער־קעס. ווען פּסח גייט אַוועק, זיינען אַלע קינדער אומעטיק.

דוד ראָזונפעלד
13 יאָר.

מיין רייזע קאָלאָראַדע

דער טאָג איז געקומען ווען מיר זיינען געפאָרן קיין קאָלאָ־ראַדע. מיין מאַמע איז אויפגעשטאַנען פרי און פאַרפאַקט אונדזערע זאַכן. מיין טאַטע האָט אונדז באַגלייט צום סטיישאַן און מיר זיי־נען אַריין אין באַס. איך האָב געפילט ווי צו וויינען, נאָר איך האָב ניט געוואָלט ווייזן אַז איך בין אַ קליין קינד.

סע האָט ניט גענומען לאַנג ביז מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט און מיר האָבן אָנגעפאַנגען צו זען פאַרמס. מיר זיינען דורכגעפאָרן ספּרינגפילד, דערנאָך מיזורי און פון דאָרטן קיין קענזעס. דאָרטן האָבן מיר גרויסע פעלדער מיט ווייץ און אַסאַך קי און שאָף.

ווען מיר זיינען געקומען קיין קאָלאָראַדע האָט אָנגעהייבן רע־גענען דער באַס איז אַריינגעקראָכן אין בלאָטע און אַ טראַקטאָר האָט אונדז אַרויסגעשלעפּט.

אין קאלאראדע האבן מיר געזען פארשיידענע שטיינער וואס קוקן אוים ווי מענטשן און בייעס. דער ווינט און רעגן מאכן זיי אזוי. מיר האבן געזען היילן און בערג און לעכער אין דער ערד וואס זיינען טויזנטער פיס די טיף. מיר האבן דארטן גוט פאר־בראכט. אבער דאן האבן מיר געדארפט פארן אהיים.

איך האף אז איך וועל קענען נאך אמאל פארן אף אזא מין רייזע.

גרשון ווארן
13 יאר.

די שלום-עליכם שול

ווען איך בין געווען אכט יאר אלט האב איך אנגעפאנגען גייז אין דער שלום עליכם שול. איך האב ניט געקענט קיין איין ווארט אידיש.

מיין ערשטער לערער איז געווען א גוטער לערער, אבער מיר זיינען ניט אויסגעקומען גוט. איך האב אים געמאכט אסאך צרות.

איינמאל האב איך מיט מיין ברודער און קאזין, אנגעשמירט וואזעלין אויף זיין בענקל. און ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט זיינען זיינע הויזן געווארן פול מיט שמירלאכץ. ער איז געווארן זייער בארויגעס, און האט מיך אהיים געשיקט.

דאס ערשטע בוך וואס מיר האבן געקראגן, איז געווען "אן אנפאנגער". אין צוויי כאדאשים ארום האב איך שוין געקענט לייענען, און דאן האב איך אנגעהויבן האבן א גרעסערן אינטערעס צו גיין אין שול.

מיין ערשטער כאווער איז געווען א אינגל מיטן נאמען „לייבל". מיר זיינען געקומען און געגאנגען פון שול צוזאמען. ער איז געווען א גוטער כאווער, און איך האב אים ליב געהאט.

ווען איך האב שוין אפגעגאנגען א יאר אין שול, האב איך אנגעפאנגען צו דערזען דעם קאנטראסט צווישן דער ענגלישער און אידישער שול. איך דענק אז די אידישע שול איז צו גרינג, ניט אין לערנען נאר אין דיסציפלין. אין דער ענגלישער שול זיינען זיי זייער שטרענג. איך דענק אז די אידישע שול וואלט געדארפט

זיין שטרענגער, און דאן וואלטן די קינדער פארמאגט א גרעסערן רעספעקט פאר דער שול.

מיין צווייטער לערער אין דער שלום עליכם שול איז געווען ברזלי. איך קען אסאך ניט געדענקען וועגן אים, אבער ער האט מיך אסאך געלערנט.

איך האב, אבער געהאט איין כעסארן — דאס איז געווען מיין רעדעווודיגקייט. אלע מאל האט ער אף מיר געשריגן, אדער אהיים געשיקט. מיר האבן געלערנט א סאך פון געשיכטע. ווען מיר האבן געלייענט דאס בוך גוט איז ער געווען צופרידן.

מיין דריטער לערער איז געווען זייער א גוטער. איך האב אים זייער ליב געהאט. ער האט אויך אויף מיר געשריען, — אבער, ער האט דאס פארגעסן אין א קורצער צייט. מיר האבן פאר אים פארקויפט מארקעס און געוואונען ביכער.

איך מיט מיין ברודער האבן געוואונען צוויי ביכער. ער האט אויך גענומען די קלאסן צו א קינא. ער האט אונדז אויסגעלערנט א סאך, — אבער די ארבעט איז ניט געווען אזא שווערע, ווי זי וואלט באדארפט זיין.

מיר זיינען זייער פיין אויסגעקומען, אבער איין מאל איז ער געווארן זייער קראנק, און האט געדארפט אויפהערן לערנען אין די שולן.

מיר האבן דאן געקראגן א נייעם לערער. צום אנפאנג איז עס געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו אים, ווייל ער איז אין א גע־וויסן זין געווען „פארקערט" פונעם פריערדיקן לערער. מיר האבן זיך אויסגעלערנט אין עטלאכע כאדאשים אזוי פיל וויפיל פריער אין א יאר.

מיר האבן געקאנט מער לערנען און שרייבן, און די קלאסן זיינען געווען רואיקער, און זיי זיינען געווען מער אינטערעסאנט. ער לייענט די געשיכטע יעדן פרייטיק. מיר שרייבן מאנטיק, און לייענען יעדן דינסטיק. מיר גייען אין שול פון זיבן־דרייסיק ביז אכט־דרייסיק. די צייט גייט שנעל, און איידער איך ווייס, איז עס שוין צייט אהיים צו גיין.

איך גלייך אים אסאך, און דענק אז ער איז דער בעסטער לערער וואס א שילער וואלט געקאנט האבן.

עטל מאַנעוויטש
13 יאָר.

מיין רייזע

דאָס איז געווען ענדע סעפּטעמבער, ווען מיין פאָטער און מיין פעטער האָבן זיך צוזאַמענגערעדט צו פאָרן באַזוכן מיין אַנדערן פעטער מיט זיין פאַמיליע, וועלכע האָבן געוואוינט אין אַ שטעטל 360 מייל פון שיקאַגאָ. אַרויסגעפאָרן זיינען מיר פרייטיק, זיבן פאַרנאַכט, מיט צוויי מאַשינעס און מיר זיינען געפאָרן די גאַנצע נאַכט. אין דער פרי זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין אַ זייער שיין שטעטעלע וואָס איז געווען אינגאַנצן באַגאָסן מיט ליכטיקע זון שטראַלן. די ערד איז געווען באַדעקט מיט גראָז, ווי מיט אַ גרינעם צודעק; די הייזער קליינע באַוואַקסן אַרום מיט בלומען האָבן אויסגעזען אַזוי שיין. דאָן האָב איך זיך פאַרגעשטעלט אַז די שיינקייט פון דער נאַטור קאָן זיין מער נאָר אין אַ קליין שטעטעלע וואו עס איז אַפילע ניטאָ קיין "סטריט קאַר". די רייזע, דאָס אויסזען פון דעם פּלאַץ און די אויפנאַמע פון מיין פעטער און מומע, האָבן געמאַכט אַף מיר אַזאַ איינדרוק אַז איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָס איז איין עמעסע איבערלעבונג.

מוצי בודין
13 יאָר.

אַרום דעם פייער

אַרום דעם גרויסן פייער שטייט,
יעדער מיט זיין פּאָנעם רויט,
און לידער זינגען זיי אַ סאַך,
און נאָכדעם קומט אַ געשמאַקער לאַך.
יעדערער זינגט פאַר זיך אַליין
באַלד דאַרף מען שלאָפן גיין,
אָבער קיינער רירט זיך ניט פון אָרט,
אַלע שטייען אַרום אָן אַ וואָרט
קיינער וויל ניט שלאָפן גיין,
מע וויל אַרום דעם פייער שטיין.

די מיטלשולניקעס:

ערשטע ריי: (זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס) ברוך סילווערמאַן, יאָסל בראָנשטיין, מרדכי לאַכמאַן, לערער פּאָמעראַנץ, לייזיק האָרעקער, עליע שוואַרץ, מאָטל ראָזנבלום און יאַנקל שטיינבערג. צווייטע ריי: רחל גערטלער, נחמה סטאָון, חנה גערטלער, בינה זאליץ, הינדע ראָזנבלום, שרה ליבאָוו, עליזע בן־עמי, אסתר לעוויצקי און רבקה פינגערעט.

מיטלשול־ניקעס

עליע שווארץ
17 יאָר.

אידיש און די אידישע שול

מען זאָגט, אַז די פּען איז מעכטיקער פון דער שווערד. דער שפּריכוואָרט איז שוין אַן אַנגענומענער פאַקט, אָבער פון צייט צו צייט שפּרינגט אויף אין דער וועלט־געשיכטע א האַמען־האָראָשע, וואָס וויל צעשטערן דאָס ביסל גוטס וואָס מענטשן פאַרמאָגן. דאַן כאַפּט אַ פּעסימיסטישער געפיל אַרום די מענטשן. זיי זאָגן: "יאָ, דאָס וואָרט איז עפּשער שטאַרק און מעכטיק, אָבער קוקט נאָר און זעט, ווי די שווערד האָט פאַרניכטעט אונדזער לעבן." די מענטשן זיינען גערעכט מיט זייערע טייִנעס אין אַזאַ פאַל, אָבער נאָר טיילווייז. ווייל אין די מערסטע פאַלן אין דער וועלט־געשיכטע קען מען דערזען, אַז דער שוין־דערמאָנטער שפּריכוואָרט איז עמעסדיק. דעם בעסטן און פיינסטן ביישפּיל דערצו געפינט מען טאַקע בא אונדז אידן אליין. ווען מען לייענט דורך די געשעעניש־פולע און די דרייסטפולע געשיכטע פון אונדזער פאָלק, געפינט מען, אַז דאָס וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די אידן דורך אַלע שווערע פינצטערע יאָרהונדערטער, זייענדיק צעשפּרייט איבער אַלע לענדער אין דער וועלט, איז געווען טאַקע דאָס וואָרט און די ליטעראַטור. אַלע שווערדן און מעכאַנישע מיטלען פון אידן־סאָנעם, זיינען געווען מאַכטלאָז און הילפלאָז צו פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק. די פּען איז דער מעכטיקער און זיגער געווען.

דורך אלע זייערע וואנדערונגען, כאָטש זיי האָבן געמוזט אוועקגעבן און איבערלאָזן אַלע זייערע פאַרמעגנס, האָבן די אידן דאָך זיך אָנגעהאַלטן באַ איין און איינציקער זאַך — באַ זייער גרויסער מעגילע, באַ זייער טוירע און אַנדערע הייליקע ספאָרים: זייער קולטור. וואָרט און קולטור איז געווען די איינציקע קראַפט, וואָס האָט זיי צונויפגעהאַלטן.

היינט אָבער האָט ניט די טוירע דעמזעלביקן ווערט פאַר אונדז, ווי פאַר אונדזערע פריערדיקע עלטערן. דאָס איז דערפאַר, וואָס די וועלט האָט אַ שפרונג געטאָן פאָרויס אין די לעצטע הונ־דערט און פופציק יאָר; אַ וואונדערלעכן שפרונג האָט זי געטאָן. די וועלט איז וועלטלעך געוואָרן.

מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט דער אינדוסט־ריעלער רעוואָלוציע האָבן מענטשן אָנגעהויבן איינזען, אַז ס'איז דאָ אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. אמבוויִלעטסטנס איז אָט דער פאַקט ארויסגעבראַכט געוואָרן, ווען די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע איז אָנגעקומען קיין ענגלאַנד און דייטשלאַנד, און די אַרבעטער האָבן איינגעזען, אַז זיי אַלע האָבן אַלגעמיינע אומשטענדן און אַז זיי דאַרפן זיך באַגעגענען מיט דיזעלביקע פּראָבלעמען.

מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אויכעט פאָרגעקו־מען אַן ענדערונג אין דעם לעבן פון די אידן. זיי, די אידן, זיינען אויך פאַרוועלטלעכט געוואָרן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט צייטווייליק געגעבן די אידן סיי בירגערלעכע און סיי פּאָליטישע רעכט. אַזעלכע רעכט וואָס זיי האָבן קיינמאָל פריער, זינט דעם כורבען פון דעם צווייטן בייס־האַמיקדעש נישט געהאַט.

נאַטירלאַך, ווען מען גיט אַ באַשעפעניש אַ נייע זאַך און עס האָט נאָך אַ זיסן טאַם, גלוסט זיך דערפון וואָס מער. אַזוי האָבן אויך די אידן געהאַנדלט. מען מוז געדענקען, אַז אידן זיינען זייער אַ מאָדנע נאַציע. זיי זיינען אין גאַלעס געוואָרן אַזוי פאַרוואונדבאַר, אַז ווי אַ טשערעפּאַכע האָבן זיי זיך צווייענדיק פאַרפּאַנצערט: פיזיש און גייסטיק. דער פיזישער פּאַנצער איז געווען די געטאָ, וואָס האָט געהאַלטן די אידן פאַרשלאָסן אין איי־ביקער נאַכט, וואָס האָט זיי פאַרבאָטן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. צוליב אָט דעם פיזישן פּאַנצער,

וואָס איז אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן אויף זיי, האָבן זיי אויפֿ־צולאָכעס אַנטוויקלט אַ גייסטיקן פּאַנצער, וואָס האָט דורך די ראַבאָנים און מעלאַמדים זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זיינען דאָס הייליקע פּאָלק און אַז זיי טאָרן ניט קומען אין קאָנטאַקט מיט די אַנדערע פעלקער, די גויעם, וואָס ווילן זיי פאַרשמוצן. אַזוי אַרום זיינען די אידן געהאַלטן געוואָרן אונטער די צוויי שלעסער, ביז סאיז גע־קומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און האָט אַרונטערגעריסן דעם פיזישן פאַנצער. מיט פּרעציז יאָר שפּעטער האָט די בער־לינער האַסקאָלע געוואָגט אַרונטערצורייסן דעם צווייטן פּאַראַק־שענטן פאַנצער פון גייסטיקער ענגהאַרציקייט און פאַנאַטיזם. די האַסקאָלע באַוועגונג ווערט קריטיקירט פון פילע מענטשן, ווייל זי האָט אָנגעפאַנגען די מאָדערנע אַסימילאַציע, אָבער איך האַלט, אַז זי איז געווען נאַטירלאַך און נויטווענדיק אין דער אַנטוויק־לונג פון דער אידישער וועלטלאַכקייט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז מאַרקס אַרויס מיט אַ נייעם דריטן טעסטאַמענט. דאָס האָט געמיינט דער אָנהויב פון דעם סאָף פון דער אַלטער ביבל. און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. רעליגיע האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן איר ווירקונג אויף די מאַסן. פאַרגרעסערט זיינען געוואָרן די רייען פון די אַטעאיסטן. ביז אין די לעצטע יאָרן איז די מאַיאָריטעט מענטשן געוואָרן אומגלויביק. אויסערלאַך גייען זיי נאָך אין דער קירכע און קניען און דאַווענען, אָבער אינערלאַך זיינען זיי אַפּיקורסים.

וועלטלאַכקייט, פרייהייט, גלייכהייט, ברידערשאַפט זיינען גע־וואָרן די ציילן פון דער נייער ביבל. אויך די אידן זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אידעאַלן וועלכע מען געפינט טאַקע אין דער נייער ליטעראַטור.

די אַלטע אידישע טוירע איז איינע פון די פיינסטע און מייס־טערפולסטע שאַפונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער פאַקט אַליין וואָס זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן, קען ווייזן אויף איר אוניווערסאַלקייט. מיר זאָגן אַז די טוירע איז דאָס וועלט־קלאַסישע ווערק און מיר שעפּן דערפון אונדזער נאַציאָנאַלע טראַדיציע און קערפּערן עס איבער צו די היינטיקע אומשטענדן.

איז פאַרוואָס אידיש? ווייל די פּראַסטאַקעס, די מאַסן, וואָס האָבן געדאַרפט יעדעס פּיצל האַרעוואַניע און וואָס האָבן ניט געהאַט

די געלעגנהייט און צייט אף צו באשעפטיקן זיך מיט לערנען זייער אלטע שפראך, ווייל זייערע פאמיליעס און זיי אליין וואלטן גע־שטארבן פאר הונגער, אויב זיי וואלטן ניט געשקלאפט דעם גאנצן טאג פאר די עטלאכע קערבלעך, וואס זיי האבן צונויפגעשפארט. אין יענער צייט זיינען די מאסן געווען דאס עמעסע פאלק, ווי עס איז היינט, און זיי זיינען געווען די, וואס האבן דורכגעוואנדערט די וועלט, פארפאלגט און פארטריבן געווארן. זיי זיינען געווען די, וואס האבן אנגעזאמלט יעדעס פיצל ווארט פון די לענדער, וואו זיי זיינען פארטריבן געווארן. עס איז געווען דער מאסן־מענטש וואס האט צונויפגעשטעלט דעם אלטן זשארגאן און עס געמאכט פאר אונדזער מאדערנעם אידיש און דערפאר וואס די מאסן האבן נאר אידיש גערעדט און פארשטאנען; און דערפאר וואס דער פאלקס־מענטש איז דער וואס האלט דאס פאלק צוזאמען, איז טאקע דערי־בער אידיש די שפראך פונם אידישן פאלק.

אין וועלכן סניט איז לאנד מען זאל ניט קומען און מען בא־געגנט א מענטשן און מען זאגט אים א שאלעם אלייכעם, ווייסט מען באלד מיט וועמען מען האט צו טאן — מיט א ברודער־איד. נישט געקוקט אף די באזונדערע אקצענטן און פארמען וואס ווערן גערעדט, ווי צום ביישפיל: בא די פוילישע, די גאליציאנער, די ליטווישע, די רוסישע אידן, איז אידיש פאר אלע איינס דיזעלביקע נארמאלע שפראך.

איך האב פריער געזאגט, אז דער מאסן־מענטש איז דאס פאלק. אויב אזוי טאקע, מוז איר ליטעראטור געשריבן ווערן טאקע פאר דעם מאסן־מענטש. אידיש האט דאס געטאן און די אידישע ליטע־ראטור וואס איז באשאפן געווארן ביז איצט און ווערט היינט גע־שאפן, האט דאס אין זינען. און די אידישע ליטעראטור ווערט טאקע געשריבן אין דער שפראך. אף די טעמעס, פון וואס יעדער איד איז א טייל און איז פארינטערעסירט.

ווען מענדעלע מויכער ספארימס ערשט בוך איז דערשינען מיט פינף און זיבעציק יאר צוריק, איז דאס געווען דער בערייזשים און דער שויפערבלאז פון דעם ערשטן פרייען אידן. פון דאן אז האבן אידן אנגעהויבן וויסן ווער זיי זיינען, וואס זיי זיינען און פארוואס זיי פארדינען א פלאץ, און אז אנגעזעענעם פלאץ, אין דער

וועלט היינט, און ניט נאָר פֿאַר זייערע אַמאָליקע אויפֿטועז פֿון טוירע־געזעץ און מאָנאָטעאיזם.

אידיש איז רייך, ווייל זי באַשעפֿטיקט זיך ניט נאָר מיט בלויז נאַציאָנאַלע פּראָגן, נאָר אויכעט מיט אוניווערסאַלע פּראָבלעמען און מיט דער שייכעס פֿון דעם אידישן פֿאָלק צו זיי. אידן, כאָטש זיי זיינען געווען פֿאַרשקלאַפֿט פֿאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָרן, האָבן ניט פֿאַרלאָרן זייער האָפֿענונג פֿאַר דערלייזונג. זיי זיינען געקומען צופּיל מאָל אין קאָנטאַקט מיט פּאָליטיש־פֿרייע לענדער צו פֿאַרגעסן דעם טעם פֿון פֿרייהייט. סאָציאַליזם איז געוואָרן אַ וועלט־באַוועגונג און אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַ רעאַליטעט.

עס איז דער שטריך פֿון נאַציאָנאַלער אוניווערסאַליטעט אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס פֿאַרדינט פֿאַר איר אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז ניט מיין קאַוואָנע אָנצור־ווייזן אויף די אַלע ליטעראַרישע אוצרעס, וואָס געפֿינען זיך בא אונדז. די אידישע קולטור האָט אין איין אַנטוויקלען זיך אויף אַ צו־שנעלן שטייגער אַז איך זאָל אָנרופֿן און באַווייזן יעדן וויכטיקן שרייבער, וואָס מיר פֿאַרמאָגן. איך וויל נאָר אָנווייזן אויף אונדזער קולטור בכּלל און וועלכן דערעה זי גייט. דאָס זעען מיר גאַנץ בוילעט אין וועלכער סניט איז שריפֿט וואָס מיר לייענען. אונדזער קולטורעלע טענדענץ איז אַ שטאַרק סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע.

אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט ביז אַהער איז גאַנץ פֿיין און אינטערעסאַנט. אָבער דאָך ווי אַזוי האָב איך, אַז אַמעריקאַנער גע־בוירענער און דערצויגענער, זיך דערוואוסט וועגן אידיש און אידי־שער קולטור און פּרוּאוו זיי מער אָדער ווייניקער אַנאַליזירן. דער ענטפֿער דערצו איז אַ פּאַשעטער: פֿון די אידישע פּראָגרעסיווע שולן; ביפּראַט פֿון אָט די שאָלעם אַליכעם שולן וואָס איך באַזוך ביז איצט נאָך.

די אידישע שולן, דורך אירע אייגנאַרטיקע שטריכן, לאָזן איבער אַ טיפֿן איינדרוק אויף זייערע טאַלמידים וועלכע ווערן פֿון איר אַזוי שטאַרק באַאיינפֿלוסט ביז די שול ווערט אַ טייל פֿון זייערע לעבנס. עס איז דאַריבער אינטערעסאַנט און ווערט אַז איך זאָל אויך אַביסל אַנאַליזירן די ווירקונג פֿון די שולן, און פֿון וואָס זי באַשטייט.

פאַרשיידנאַרטיק איז די ווירקונג פון דער אידישער שול אַף דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט וועלכע באַזוכט זי. די פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון איר ווירקונג באַשטייט אין דעם וואָס זי איז אי פּאָ־זיטיוו און אי "נעגאַטיוו." אָבער מען דאַרף זיך נישט שרעקן, ווייל מען קאָן זאָגן אַז אַ גרויסע דערגרייכונג פון דער אידישער שול ליגט דאַווקע אין אַט דער "נעגאַטיווער" ווירקונג אירער. זי, די "נעגאַטיווע" ווירקונג, וואַקסט אַרויס פון דער פּאָזיטיווער.

די אידישע שול איז אַ גרויסע גאָלעסדיקע שאַפונג: און כאָטש זי פאַרנעמט אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ בא אונדז, איז זי דערווייל נאָך אַ מאַכטלאָזע באַשעפעניש און עס איז אַ וואונדער אַז נאָך פינף און צוואַנציק יאָר, עקזיסטירט זי נאָך אַלץ.

מען דאַרף געדענקען אַז אַף יעדן אידן זיינען דאָ אין לאַנד פינף און צוואַנציק נישט־אידן וואָס פאַרנעמען זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז נישט צו וואונדערן זיך וואָס נאָך פינף און צוואַנציק יאָר, קאָן מען צופיל נישט אָנווייזן אַף דער צאָל טאַלמידים וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט אידיש און אידישער קולטור. אינם קאַמף פאַר זיין עקאָנאָמישער פּאָזיציע שטרעבט דער יוגנטלאַכער צו שנעלער אַסימילאַציע. אַנטקעגן דעם שווידערלאַכן איינפלוס, פּרואווט זיך די שול אַנטקעגנשטעלן: און דאָ איז איר פּאָזיטיווע ווירקונג.

די שול האָט באַוואוסטזיניק געמאַכט איר יוגנט מיט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אַז די יוגנט פאַרשטייט זיי שוין, ווערט זי דער דירעקטער קאָרבן פון אַסימילאַציע און ווערט געטריבן קעגן איר. אַכוץ דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין גיט די שול אויך צו פאַרשטיין אירע טאַלמידים די פּראָבלעמען פון דער וועלט און פונם לעבן, און דעריבער האָט זי אַזאַ הויכע פּאָזיטיווע ווירקונג קראַפט.

אָבער, טאַקע אין אונדזער באַוואוסטזיין ליגט אונדזער נאָ־טירלאַכער יוגנט פּעסימיזם. מיר דערזען פון וואָס און ווי די וועלט איז געבויט, מיר דערזען שוואַכקייטן און מיר דערפילן די האוואַלים פון לעבן, און ווערן פּאַטאַליסטן.

מען טאָר ניט אָוועקמאַכן אונדזערע רעדאַקציעס אַזוי זיך מיט דער האַנט און אַ זאָג טאָן: "דאָס איז אַ פּעריאָדע אַזאַ. ס'וועט

איבערגייז." אונדזערע געפילן זיינען טיפער און לײדנפולער. דאָס איז מער ווי אַ ציימווײיליקע זאַך. עס איז אַ טייל פון אונדזער געדאַנקען גאַנג וואָס באַאיינפלוסט און באַווירקט דעם גאַנצן בוי פון אונדזער איך.

די אידישע שול באַקענט אונדז מיט'ן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, און סאָציאַלן געבוי פון דעם לאַנד. מיר זעען און פאַרשטייען דעם פאַרשקלאַפּענדיקן און פרייהייטלאָזן געבוי און ווערן דורכגעדרונגען מיט קעמפערישקייט קעגן דעם. די אידישע יוגנט וואָס האָט זיך דערצויגן אין די אידישע וועלטלאַכע שולן טראָגט מיט זיך אַ גאַר אייגנאַרטיקן שטריך: זי איז פרייהייטלאַך און נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניק.

חנה גערטלער
17 יאָר.

איך און די שול

1

אין מעשעך פון די לעצטע פּאָר יאָר איז מיין לעבן געוואָרן אַזוי פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט די אידעאַליסטישע שטרעבונגען פון דער מאָדערנער אידישער שלום עליכם פאָלק שול, אַז עס איז נאַטירלאַך אַז איך זאָל בא דער געלעגנהייט שרייבן וועגן דער טעמע.

ווי אַ בליץ זענען די לעצטע ניין יאָר פון מיין לעבן דורכגעפלויגן, פאַרוויקלט אין אַ טונקלגעם וואָלקן וואָס ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז מיר נישט געלונגען צו דערקענען זייער ליכטיקן שיין.

דאָס עסן וואָס די דאָזיקע שול לערער האָבן אין מיר, איינאייגנעם מיט נאָך אַנדערע קינדער, פּרובירט אריינשטאָפּן, האָב איך נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט פאַרדייען, כאָטש איך האָב אַז אויב איך האָב נאָך איינגאַנצן נישט געגעסן פון דער נאַרהאַפטיקייט פון דער שפּייז, וועל איך אין גיכן דאָס יאָ געניסן.

די פּראָבלעם פון דערציִען קינדער אויף אַ נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלן אופן איז אויך געשטאַנען פאַר מיינע עלטערן און טאַנטע מיני, וועלכע איז מיר אַזוי נאָענט און איבערגעגעבן, באַגלייך מיט אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט געעפנט די שלום עליכם שול. נאָך טירלאַך, איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן די שול. עס איז נישט קיין פראַגע אַז איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער אַרבעט, ווייל זייענדיק אַ קינד איז מיר דאָס באַזוכן אַזאַ מין שול געווען אַ פרייד. אָבער אין קימאַט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך דער פריידפלאַם גענומען אויסלעשן. ביסלאַכווייז איז מיין באַציאונג געוואָרן מער און מער נעגאַטיוו, ביז זי האָט דערגרייכט די מאַדרייגע פון פּאַשעט נישט קענען פאַרטראָגן דעם גאַנצן איניען, און אַזוי ווי באַ אונדז אין הויז זיינען זייער אָפט פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן דער שול באַוועגונג, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו פאַרלאָזן די שטוב און אַרויסגיין אין גאַס פאַרברענגען מיט מיינע כאַווירים. מיינע עלטערן און טאַנטע מיני האָבן זיכער נישט געוואוסט ווי שטאַרק דער האַס מיינער איז געווען צו זייערע אידעאַלן. אַף מיר האָבן זיי געלייגט פיל האָפענונגען און איך וואָלט זיך געפונען אין נישט קיין באַקוועמער לאַגע ווען זיי וואָלטן געוואוסט וואָס איז ביי מיר דאַן געלעגן אָפן האַרצן, כאָטש אַביסעלע האָב איך דאָס אַרויסגעוויזן. איצט נאָך אַ סאַך אַריינטראַכטונגען קום איך צו דער איבערצייגונג אַז צוליב די פאָלגנדע סיבעס האָט זיך אַנטוויקלט ביי מיר אַזאַ געפיל, ערשטנס, האָט די ענגלישע סקול און אויך די ענגלישע גאַס געהאַט אַ מין צוציִאונגס קראַפט פון וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט אָוועקרייסן, און צווייטנס, האָט זיך ביי מיר געהאַט אַנטוויקלט אַן אינפיריאָריטעט קאָמפּלעקס; איך האָב זיך געשעמט צו רעדן צו מענטשן, אַפילע צו אייגענע, פון דער מישפּאָכע. איך וויל אין קורצן איבערגעבן אַ פּאָר אילוסטראַציעס.

אַז די מאַמע האָט מיך איינמאָל געשיקט אין קראָם קויפן אַ ברויט, האָב איך זיך פאַרשטאָפּט די אויערן איך זאָל נישט הערן וואָס פאַר אַ ברויט זי וויל האָבן, מיינענדיק אַז איך וועל אַזוי אַרום פאַרשפּאָרן רעדן צופיל צום קרעמער.

טאַקע דער איצטיקער לערער האָט איין מאָל אין קלאַס דיקטירט אַ דערציילונג. קומענדיק צו אַ קאַמע, האָט ער אונדז

אויפמערקזאם געמאכט דערצו. איך האָב אָבער געמיינט אז די "קאָמע" איז א וואָרט פונ'ם זאץ, און כאָטש דער זאץ האָט זיך אזוי נישט געקלעפּט, בין איך נישט געווען דרייסט גענוג צו פרעגן ביים לערער. אזוי האָב איך געמאכט טאָעס נאָך טאָעס.

נאָך זייער א ווייכטיקע האנדלונג האָט איינגעקריצט דעם האָס צו דער שול. ווייזט אויס, אז דער טאַטע האָט נישט געקענט פארשטיין ווי א מויד אין צענטן יאָר שפּילט זיך נאָך אַלץ מיט ליאַלקעס. איך האָב אזוי ליב געהאט צו שפּילן די ראָלע פון א מאַמע, און אזוי ווי איך בין נאָך געווען צו יונג אכטונג צו געבן, אַף קינדער, האָבן די ליאַלקעס געמוזט פארנעמען דעם אָרט. און ווי אויף צולאָכעס ווען דער טאַטע האָט באַשטימט אַז איצט מוז איך צוגרייטן מיינע לעקציעס פאר דער שול, האָב איך גע־מוזט פארלאָזן די שפּיל וואָס איז מיר געווען אזוי טייער.

איך האָב אויך נישט געקענט פארשטיין ווי א מענטש, און ספּעציעל איך, קאָן וואגן צו זיין אזוי אייגנאַרטיק צו באַזוכן אַזאַ שול. די כאַווירים מיינע, פון גאַס, זענען דאָך געווען די פירער, און געווים וואָלטן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין אזא זאך אויב עס וואָלט פאר זיי געמיינט עפּעס א געווינס. אָן דעם "מאָב", האָב איך זיך קיינמאָל נישט גערירט. איך בין געווען די נאָכטענצערן.

זייענדיק דאָס עלצטע אייניקל אין דער מישפּאָכע, איז מיר טאָמיד פאָרגעוואָרפן געוואָרן אז איך מוז דאָס זיין דער מוס־טער פאר די אנדערע קינדער, און ווייסנדיק אז מיין באַציאונג צו אידישקייט איז אזוי פרעמד, האָט מיך אַלעמאָל געפּייניקט דער געדאנק אז איך האָב נישט דערפילט די דערוואַרטונגען פון מיין פאַמיליע.

אזוי נישט ווילנדיק בין איך געגאנגען צו דער שול פינף יאָר נאָכאנאנד, נישט רעגלמעסיק, און נאָך אזא לאַנגער פּעריאָדע האָב איך זייער ווייניק געלערנט. איך בין געווען די אינגסטע אין קלאַס, נישט פּיאיק, און די אנדערע קינדער האָבן זיך געהאלטן אַף א סאך א העכערער אינטעלעקטועלער שטופע פון מיר. מיט א "העלאָ און גודביי" האָבן זיך אונדזערע באַגעגענישן געענ־דיקט. נו, די לערער זענען צו מיר געווען נישט מער ווי "סקול לערער". איך קען זיך איצט נישט פאָרשטעלן ווי אזוי צווישן

אונדז האָט נישט געהערשט קיין כאַוועריש‎קייט. מיט די אַנדערע קינדער פונם קלאַס איז דאָך דער לערער געווען אַ פריינט, זיי האָבן אַזוי פיין פאַרבראַכט צוזאַמען, זיך געלערנט אַזוי פלייסיק, אָבער איך בין געווען מעכוץ פון דער גרופּע. יאָ, ס׳איז מיר געווען ביטער. די איינציקע צוציאונגס קראַפט וואָס די שול האָט פאַר מיר יאָ געהאַט, איז געווען די וואונדערבאַרע קינדער קאָנצערטן וואָס זי האָט דורכגעפירט אין וועלכע איך האָב אויך אײנטייל גענומען. פאַרשטייט זיך, אָבער, אַז מען טאָר דאָך נישט נוצן די קאָנצערטן אַלס די איינציקע סיבע אַף צו גיין אין דער שול.

2

אַ נײַ קאַפּיטל האָט זיך באַ מיר אָנגעהויבן מיט אַ פיר יאָר צוריק. די שול איז געוואָרן אַ טייל פון מיר, און איך — אַ טייל פון דער שול; עס איז בעעמעס שווער צו זאָגן. דאָס דריידל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען פאַרקערט פון יענע אַמאָליקע יאָרן. מיר זענען געוואָרן די בעסטע פריינט, די שול און איך. די געביידע פונם שלום עליכם אינסטיטוט איז געוואָרן מיין צווייטע היים. נאָר אַ בעט פעלט מיר דאָרטן. דאָס אַלץ האָט געמוזט פּאַסירן איבער נאַכט, ווייל איך געדענק נישט די מיטעלע פּעריאָדע. מיין זיקאָרן פירט מיך צוריק צו וויכטיקע אומשטענדן וואָס האָבן געבראַכט די גרויסע איבערקערעניש.

איך בין שוין געגאַנגען אין דער מיטל שול קימאַט צוויי יאָר. אַ גרויסער טייל פון די קינדער האָבן אינגאַנצן פאַרלאָזט די קלאַסן. זיי זענען געוואָרן עלטער און האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט אַנדערע פּראָבלעמען. מיר זענען געבליבן צוויי אין צאָל, איך, איינע פון די צוויי. מיט דעם אָנקומען פון אַ נייעם לערער אין דער שול, האָט זיך אָנגעהויבן מיין איבערגעגעבנקייט צו מיין צווייטער היים. דער לערער, חבר בערקאָוויטש (בערקי) האָט מיך גענומען אינגאַנצן איבעראַנדערשן. ער האָט אַזוי לאַנג מיט מיר גערעדט, געטייַנעט, ביז דאָס אידיש קערנדל וואָס האָט ערגעץ וואו געמוזט ליגן באַגראָבן אין מיר, האָט זיך אָנגעהויבן צו צעבליִען. איך האָב אָנגעהויבן איינצוזען אַז דאָס אַסימילירן זיך מיט דעם מאָב איז זייער ענלעך צו דער רעפּוּע פון אָפּהאַקן אַ מענטשנ׳ס קאָפּ קעדיי אָפּצושטעלן דעם

ווייטאָג. איך האָב ערשט אָנגעהויבן אויפצונעמען אידישקייט מיט שטאָלץ, זיך גענומען פאראינטערעסירן צו העלפן אנטוויקלען איר קולטור, קונסט, געשיכטע, א. אז. וו.

נישט נאָר האָט דער מענטש, דער לערער, מיך נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניק געמאַכט, ער האָט מיר געהאָלפן בעסער פאַר־שטיין דאָס לעבן, די וועלט און אירע פּראָבלעמען. איך האָב ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו גיין צו לעקציעס, קאָנצערטן, און אַליין איינטיילנעמען אין פּראָגראַמען. איך האָב עפּעס אינגאַנצן אָנ־געהויבן אויפצונעמען זאַכן אַף א ברייטערן אויפן. איך בין שוין געקומען צווישן מענטשן, זיך פּרובירט אריינפּאַסן אין זייער געזעלשאַפט, זיך צענויפלעבן מיט זיי.

באַ היינטיקן טאָג עקזיסטירט פאַר מיר נאָר איין סוויווע: די שול. דאָס לערנען אין שול איז בעעמעס די גרעסטע פרייד, די מיטגלידער פונם קלאַס זענען די אינטימסטע פריינט, און דער לערער, כאַווער פּאַמעראַנץ (פּאַמי), — דער לערער, דער כאַווער, און דער מענטש.

יאַנקל שטיינבערג
17 יאָר.

אַ ווענדונג צו דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט

אין טולי היי סקול זענען דאָ אַסך אידישע קינדער. זיי זענען אַלס אַ גרופּע ניט בעסער און ניט ערגער פון אַנדערע גרופּעס אַמעריקאַנער אידישער יוגנט. נעמען קען מען זיי אַלס ביישפּיל. קיין מיטגליד אין זייערע קרייזן בין איך ניט, אָבער איך באַמערק אַז זיי זענען פאַראינטערעסירט הויפּטזעכלאַך אין ספּאָרטס, פּאַרטיס, און קליידונג. זייער אַ קליינע גרופּע פאַראינטערעסירט זיך מיט ליטעראַטור, וועלט פּראָבלעמען אָדער די „איזמס". זייענדיק פרעמד צו זיי ווייס איך ניט וואָס זיי טראַכטן אָבער איך גלויב אַז זיי האָבן עפּעס יאָ אַ באַציאונג צו זייער פאָלק מיט אירע פּראָב־לעמען.

באאײנפלוסט פון דר. נאקס'ס רעדעס האָב איך באַשלאָסן אויסצוגעפינען צי די אידישע יוגנט אין "טולי" האָט עפּעס אַ באַציאונג צו אידישע פּראָבלעמען. אַ מעגלאַכקייט האָב איך געהאַט, איין קלאַס וואָס איך באַזוך רופט מען אַ „פּאַבליק ספּיקינג" קלאַס. אין דעם קלאַס דאַרף יעדער מיטגליד אויפטרעטן און מאַכן פאַר־שידענע רעדעס. האָב איך באַשלאָסן אַז אין דעם קלאַס וועל איך רעדן און איך וועל קענען זען ווי די סטודענטן רעאַגירן.

די לערערקע פון קלאַס איז דאַווקע געווען אַ אידישע. זי האָט עפּעס אויך אַ באַציאונג. אַמאָל וואַרפט זי אַריין אַ אידיש וואָרט. איין מאָל האָט זי גערעדט צו אונדז וועגן דער וויכטיקייט פון רעדן אַ קאָרעקטן ענגליש. (זי אַליין רעדט זייער קאָרעקט און זי באַ־נוצט זיך מיט דעם „איטעליען איי" און אַנדערע אומבאַקאַנטע אויסשפּראַכן.) און זי האָט באַמערקט, אַז מיר לעבן אין אַ געגנט, וואו מען רעדט ניט אַזוי פיין, און מיר דאַרפן שטרעבן פאַר אַ בעסערע און העכערע שפּראַך. דאָס איז מיין לערערקע. זי האָט אויך מאָדערנע געדאַנקען. זי טאָלערירט רעדעס וועגן סאָציאַלע פראַגן אָבער זי פילט זיך אומבאַקוועם ווען אַ פּרינציפּ קומט אַריין און הערט ווי מען רעדט.

האָב איך ניט לאַנג צוריק געהאַלטן מיין רעדע. איך האָב באַמערקט אַז די לערערקע האָט כסדר פּרובירט אונדז צו פאַר־אינטערעסירן אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע און דראַמע. אף דעם האָט זי שווער געאַרבעט. זי האָט פאַר אונדז געלייענט פּאָעזיע פון מאָדערנע שרייבער, און אונדז אַלעמען געגעבן פרייע בילעטן צו זען די בעסטע פאָרשטעלונגען אין שטאָט.

אָנגעהויבן האָב איך מיט דעם וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג אַז די אַרבעט וואָס די לערערקע פירט אָן איז זייער אַ וויכ־טיקע אָבער עס איז פיל מער וויכטיקער זיך צו פאַראינטערעסירן אין דער ליטעראַטור, דראַמע, קולטור פון אונדזער אייגן פאָלק, ווייל אידן זענען מיר געבאָרן און אידן וועלן מיר פאַרבלייבן, מיר קענען ניט אַוועקלויפן פון דעם. און אַז מיר ווילן זיין אינטעליגענטע מענטשן דאַרפן מיר זיך אַליין וויסן — וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס מיר זענען.

איך האָב זיך ספּעציעל געווענדעט צו די אידישע מיטגלידער פון קלאַס אָבער איך האָב אָנגעוויזן אין מיין רעדע אַז יעדערער

אין קלאַס: אַ לעט, אַ פּאָליאַק, אַ שוועד, אַ דייטש, אַ איטאַליענער, אַן ענגלישער, קען אויפנעמען מיינע רייד פאַר זיך אַליין.

„די וועלט איז איצט פול מיט ניט געלייזטע פּראָבלעמען—די אַרבעטס פּראָבלעם, די מלחמה געפאַר, דער קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, און פּאָליטישע קאַמפן צווישן דעמאָקראַטיע מיט איר קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם און קאָמוניזם. אונדזער אַרבעט וועט זיין צו פּרובירן צו דערלייזן אַט די פּראָבלעמען. קיינער ווייסט ניט וואָס מיט דער געשיכטע קאָן פּאַסירן, קיינער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס וואָס האָט געטראָפן אין דייטשלאַנד וועט פּאַסירן, און קיינער ווייסט ניט וואָס וועט פּאַסירן מיט אונדז. ווייסן מיר ניט וואָס מיט אונדז וועט פּאַסירן, דאַרפן מיר זיין צוגעגרייט אַף אַלעס, און דערפאַר דאַרפן מיר איצט, אין דער צייט ווען מיר בילדן זיך, לערנען וויפיל מיר קענען און דאָס דאַרף אַריינעמען אויך אידיש, מיט איר ליטעראַטור, געשיכטע, און שפּראַך, ווייל דאָס וועט אונדז אויכעט העלפן צו דערלייזן די קומענדיקע און איצטיקע פּראָבלעמען.”

צו די מיטגלידער פון קלאַס האָב איך געזאָגט, „אפשר האָט איר געהערט פון די ביכער פון שלום אַש וואָס מען האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש:—דריי שטעט, און „סאַלווייש אַן”. די ביכער האָבן שטאַרק אויסגענומען בא דעם אַמעריקאַנער עולם און זענען געווען ”בעסט סעלערס”, פאַר עטלאַכע מאָנאַטן. ”דריי שטעט” האָט זיך אַזש פאַרקויפט אין 50 טויזנט עקזעמפּלאַרן. ווען מען שטודירט ליטעראַטור, לערנט מען אַז יעדע ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ איר עפּאָכע, און דאָס איז זייער אמת. שלום אַש שילדערט וואונדערלאַך דאָס לעבן אין דער צייט פון דעם תהילים איד און גיט אַ פיין בילד פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער אויב איר האָט געלייענט שלום אַש'ס צוויי ביכער זאָלט איר וויסן אַז ער האָט אויך געשריבן נאָך פיינע ווערק אין אידיש און כאָטש שלום אַש איז אַ גרויסער שרייבער איז ער ניט דער איינציקער און עס זענען דאָ צענדליקער גרויסע אידישע שרייבער וואָס שרייבן פּאָעזיע, דראַמע, ראָמאַנען און אַזוי ווייטער.”

„צום ענדע וויל איך זאָגן אַז מיר דאַרפן זיין צוגעגרייט כדי צו דערלייזן די היינטיקע און קומענדיקע פּראָבלעמען און דער

בעסטער צוגרייטונגס מיטל איז דורך וויסן וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אידישן קולטורעלן, סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן און אויך אין דעם אַמעריקאַנעם". דאָס איז אין אַלגעמיין געווען דער אינהאַלט פון מיין רעדע און מיין ווענדונג צו דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט.

נאָך דעם ווי איך האָב געענדיגט רעדן האָט מען מיך באַ־לאַגערט מיט פּראָטעסטן און פראַגעס. פאַרוואָס האָב איך גערעדט צו די אידישע מיטגלידער פון קלאַס און געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן זיי און די קריסטלאַכע. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז ווי איך רעד וועט עס שטערן אין דעם בויען אַ פאַראייניגט אַמעריקאַנעם פאָלק, און אַנדערע האָבן געזאָגט אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, איז ריכטיג אָבער איך נעם עס אויף פון דעם רעליגיעזן שטאַנד־פּונקט און דאָס איז ניט גוט. די אידישע לערערקע האָט געזאָגט אַז איך וויים וואָס איך רעד, אַזוי רעדן אַלע רעפאָרם ראַבאַנים. דאָס האָט מיך אויפגעבראַכט. איך האָב געזאָגט אַז איך וויים גאָרנישט וואָס די ראַבאַנים זאָגן, איך הער זיך ניט צו צו זיי. איז זי געוואָרן פאַרוואונדערט. האָב איך איר ערקלערט אַז איך רעד די רייד וואָס אידישע קולטוריסטן רעדן און זייער פירער איז דר. ח. זשיטלאָווסקי. זי האָט מיך געפרעגט ווער ער איז, קיינמאָל ניט געהערט וועגן אים. אָבער איך האָב איר ניט געקאָנט ענטפערן, ווייל דאָס גלעקל האָט געקלונגען און איך האָב פאַרלאָזט דעם קלאַס.

איך האָב דעם גאַנצן טאָג געטראַכט וואָס וועל איך ענטפערן מאָרגן אין קלאַס. ווען מאָרגן איז געקומען האָב איך שוין געוואוסט וואָס צו זאָגן.

אָנגעהויבן האָב איך אַז איך בין ניט געגן ראַבאַנים צו אַנדערע מענטשן. נאָר איך וויל זיך אידענטיפיצירן מיט אַלעם וואָס איז פּראָגרעסיוו אין דעם אידישן לעבן. צווייטנס האָב איך געזאָגט אַז איך האָב גערעדט צו די אידישע קינדער פון קלאַס ווייל איך בין מער באַקאַנט מיטן אידישן לעבן. און איך האָב באַמערקט אַז מיט עטלאַכע טעג צוריק האָט אַ אינגל גערעדט וועגן „ליטואייניע" און קיינער איז ניט געווען קעגן. איך האָב אויך דערקלערט אַז אַמעריקע איז ניט קיין נאַציע און די מיטגלידער פון קלאַס זענען ניט קיין אַמעריקאַנער, נאָר זיי זיינען אידן, דייטשן, פּאָליאַקן,

און אזוי ווייטער. דאס האב איך גענומען פון א דעפיניציע פון נאציע, וואס זאגט אז א נאציע איז מענטשן פארבונדן דורך בלוט, מנהגים, און א געמיינשאפטלאכער געשיכטע און קולטור. אין דעם זין פון ווארט זענען די מיטגלידער פון קלאס ניט אמעריקאנער. אמתע אמעריקאנער זענען נאר די „פיוריטאנען" פון ניו ענגלאנד, ועמענס אורעלטערן זענען אריבערגעקומען אויפן „מייפלאוער", און וועלכע האבן צוזאמען געהאלפן אויפבויען דאס לאנד. אפשר וועלן מיר אויך אמאל זיין אמעריקאנער, אבער נאך עטלאכע דורות, ווען מיר אלע פעלקער אין אמעריקע וועלן זיך אויסמישן מיט די ניו ענגלענדער. דאס איז נאר איין דעפיניציע וועגן נאציע וואס האט צו טאן מיט אונדז אמשטארקסטן אבער אנדערע דעפיניציעס זאגען אז א נאציע איז א גרופע מענטשן אונטער איין געמיינשאפט־לאכער רעגירונג. אין דעם זין זיינען מיר אלע אמעריקאנער. און אויב מיר זענען ניט אמעריקאנער אין דעם ערשטן זין שאדט עס ניט אז מיר ווידמען זיך מיט אונדזער אייגענער אידישער קולטור.

א טאג פריער איידער איך האב געהאלטן מיין רעדע האט א מיידל גערעדט וועגן רעליגיע און זי איז געווען אזוי אויפגעבראכט נעגן דעם אז זי האט געזאגט אז עס איז נאריש אז פעלקער זאלן זיך האסן און זיין צעשיידט איבער רעליגיעזע סיבעס. און זי האט געזאגט אז זי האפט אז זי וועט נאך זען א וועלט פון פאראייניגטע פעלקער ניט אידן, גויעם נאר איין פארמישט פאלק. האב איך איצט ארויסגעבראכט מיין מיינונג אז איך גלויב דאס זעלבע וואס דאס מיידל גלויבט וועגן רעליגיע, אבער איר צוגאנג צו פעלקער און ראסן דענק איך איז ניט ריכטיק.

„וואס פאר א וועלט וואלטן מיר געהאט אויב מיר וואלטן נאר געהאט איין קולטור, איין שפראך—זיכער ניט זייער א אינ־טערעסאנטע. צום ביישפיל ווי אזוי וואלט א סימפאני ארקעסטער געקלונגען אז נאר וויאלינען וואלטן געשפילט, אלע וואלטן ארויס־געבראכט די זעלבע טענער אבער ווען מען האט פארשידענע טיפן אינסטרומענטן, וואס פליסן צוזאמען אין איין שיינעם טאן, האבן מיר עפעס פראכטפול. אזוי דארף זיין מיט פעלקער. יעדעס פאלק דארף פראדוצירן איר אייגן קולטור און דאס געבן צו דער וועלט קולטור."

אַלע אין קלאַס זענען געווען איבעראַשט פון דעם ביישפּיל און די מיידל וואָס האָט גערעדט וועגן רעליגיע האָט זיך פּרובירט פאַרענטפערן אָבער אומזיסט. דער גאַנצער קלאַס איז געווען געגן איר.

דאָס איז געווען מיין ווענדונג צו דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט אין מיין קלאַס. איך האָב פּרובירט מיט וויפיל איך פאַרשטיי זיי צו איבערצייגן אַז עפּעס מוז מען טאָן אָבער איך גלויב ניט אַז איך האָב געהאט ערפאָלג. מיין רעדע האָט אַרויסגעבראַכט גרויס אינטערעס, אָבער דאָס איז ווייניג. באַטראַכט האָבן זיי עס ווי אַ רעדע און זיי גייט עס ניט אָן. איך גלויב ניט! צו זיי האָבן אפילו פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט, ווייל איין אינגל האָט באַמערקט אַז אַלעס וואָס איך האָב געזאָגט איז ריכטיג אָבער איך נעם עס אויף פון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט און דאָס איז שעדלאך. דאָס איז געווען מיין ווענדונג און דאָס זיינען מיינע רעזולטאַטן. איך האָף אַז אַנדערע וועלן האָבן אַ בעסערן ערפאָלג.

ברוך סילווערמאַן
16 יאָר.

10 יאָר שול — 10 יאָר לעבן

גלאַטקייט איז נישט אינטערעסאנט; מען מוז האָבן העכערע און נידעריקערע מאדרייגעס פון ערפאָלג, אז נישט ווערט עס מאָנאָטאָן און מען פאלט אריין אין אַן אומצופרידענעם טאָן. אויב איך מעג זיך אזוי אויסדריקן, וואָלט איך געזאָגט אז דער וועג פון דער אידישער שול, אנדערש פון דער ענגלישער שול, איז גאָרנישט אזוי גלאט, אָבער דערפאר דער אינטערעסאנטסטער.

מיר מוזן באַטראַכטן די אידישע שול פאראלעל מיט דער פּאָבליק סקול. ערשטנס איז אונדזער שול פרייוויליק און מיר קומען אהער נאָך דער פּאבליק סקול. אין דער ענגלישער שול מוזן מיר קומען, אניט שיקט מען נאָך אונדז א פּאָליציאנט. אין אונדזער שול לעבן מיר זיך אוים מיט דעם לערער ווי מיט אונדזערן א חבר, וועלכער שטרעבט פאר אונדזערט וועגן און וועלכער האָט אַן אינטימע באַציאונג מיט דעם וואָס ער טוט, בשעת אין דער פּאָבליק סקול האָבן מיר צו טאָן מיט גאָר אַן אנדער טיפּ לערער. דאָרט

לויפט מען ארויס פון די קלאַסן ווי פאַרסאַמטע מייז, טועז אַז אַלע פאַרטן צרות און שפּיצלאַך דעם לערער, און וואָס מער צרות, פאַרשטענדליך, אַז אַלץ ווייניקער באַציאונג האָט מען צו דער ארבעט און צו אים. דער דורכשניטלאַכער לערער אין סקול האָט אליין נישט קיין צו באַגייסטערטע באַציאונג צו זיין ארבעט. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס ער איז א קליין שרייפעלע אין א ריזיקער מאַשין און ער האָט נישט די מעגלאַכקייט ארויסצורופן און אויס־נוצן זיין אייגענע איניציאַטיווע. און אויב עס מאַכט זיך שוין יאָ אמאָל אזא לערער אין פּאַבליק סקול וועלכער האָט א נאַענטע באַ־ציאונג צו זיין ארבעט, ווערט ער באַטראַכט פון די תלמידים ווי א קוריאָז, אפילו נישט קיין אנגענעמער. וועגן אזא לערער שושקען זיך די סטודענטן:

"פּאַלג מיך מייך אויס אָט אַ דעם לערער מיט זיינע קלאַסן, ער איז "שווער" און מאַכט דיך ארבעטן".

און די קינדער וועלכע מוזן טאַקע לערנען אין זיינע קלאַסן האָבן א געפיל אז ער טוט די ארבעט נישט צוליב זיי נאָר צוליב זיינע פּערזענלאַכע צוועקן.

אָבער איך בין אראָפּ פון וועג. איך האָב זיך פאַררעדט. איך בין אריין אין א שטימונג פון פאַרגלייכונג צווישן דער ענגלישער און דער אידישער שול און האָב גאָר פאַרגעסן אז איך וויל שרייבן וועגן מיינע צען יאָר שול לעבן.

איך וועל אָנהויבן מיט דער היים וואו עס שפּראָצן די ערשטע קערנדלאַך פון מיין נייער סוויווע.

די אַטמאָספערע אין דער היים בא מיר איז געוועזן א ריין אי־דישע, אַלע טעגלאַכע צייטונגען און צייט שריפטן האָבן זיך תמיד געפונען אין הויז.ביידע שפּראַכן, אידיש און ענגליש זענען גלייך באַרעכטיגט ביי אונדז אין שטוב. טראַדיציאָנעלע־רעליגיעזע יום־טוב פייערונגען האָבן זיך באַוויזן ביי אונדז אין דער היים דערפאַר וואָס אונדזער באָבע און א פעטער האָבן געוואָלט זען אין אונדזער היים, כאָטשבי א קליין ביסעלע פרומקייט, און מיינע עלטערן האָבן זיי צוליב געטאָן. ביז היינט צו טאָג פייערן מיר אַלע טראַדיציאָ־נעלע יום טובים אף אונדזער אייגנאַרטיקן ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן אופן. מיינע עלטערן זענען ראַדיקאַל געשטימט פון דער אַלטער

היים נאָך. דער טאַטע איז געווען א בונדיסט, די מאַמע א הייסע סימפּאַטיקערין און דערפאַר האָט דאָס ביסעלע ראַדיקאַליזם אי־בער געוואויגן די אַלטע רעליגיעזע טראַדיציעס (פון דער באָבען און דעם פעטער) און איך און מיין ברודער זענען אוועק צו די ערשטע אידישע שולן. טאַטע־מאַמע האָבן שוין פון לאַנג איינגעזען אז די אַלטע רעליגיע איז נישט גענוג צו דערלייזן דאָס אידישע פּראָבלעם.

די ערשטע אָנגעקומענע אידישע אימיגראַנטן האָבן, ווייזט אויס, נישט געקאָנט טראַכטן וועגן בויען שולן ביז וואַנען זיי האָבן זיך ניט עקאָנאָמיש פאַרזיכערט און איינגעבירגערט. ווען זיי האָבן אזוי זיך שוין איינגעוואָרצלט אז זיי האָבן שוין נישט געהאַט די פונדאַמענטאַלע דייגעס, האָבן זיי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן בויען אידישע שולן, צופעליק איז די פּעריאָדע באַ מיינע עלטערן צונויפ־געפאַלן מיט דעם אנהויב פון דער שלום עליכם שול באַוועגונג.

דער ערשטער אריין צוקומען אין דער נייער וועלט איז געווען דער עלטערער ברודער, נאָך אים בין איך אוועק. מירביידע האָבן גראַדואירט די עלעמענטאַרע שולן. און ווען דער ברודער איז אוועק אין אוניווערסיטעט איז ער נאָך אַלץ געגאַנגען אין דער מיטל שול און האָט הנאה געהאַט פון די קלאַסן און פון די דיסקוסיעס. (ער האָט בדעה צוריקצוקומען צו דער שול).

די שול האָט אזוי געווירקט אויף מיר אז אַלץ וואָס איך טו דרייט זיך ארום איר. לעצטנס האָב איך זיך אונטערגענומען שפּילן אף א מוזיקאַלישן אינסטרומענט כדי איך זאָל קענען אַקאָמפּאַנירן די געזאַנגען פון די חברים באַ די אונטערנעמונגען.

מיין ענגלישע לערערין האָט אַמאָל א זאָג געטאָן:

"דו האָסט עפּעס א חוץ דער ענגלישער שול וואָס דו האָלסט אַלס ביישפּיל און מעסט אַלצדינג דערמיט".

זי האָט נישט געוואוסט פון מיין שול ארבעט, אָבער איך האָב איר גלייך פאַרשטאַנען אז זי מיינט די אידישע שול.

פון ערשטן טאָג אָן איז די שול געווען א מין מאַגנעטישע קראַפט וואָס האָט מיך געצויגן צו איר. איך האָב זיך געפילט העכער פון מיינע חברים, אפילו פון די וואָס זענען געגאַנגען אין תלמוד תורות.

אלע מאָל פלעגן די שולן געבן עפּעס א נייס, דורכפירנדיק פאַרשידענע פּראָגראַמען לכבוד די יום טובים. איך בין געבענשט מיט א שטיקל טאַלאַנט און די לערער האָבן דאָס גלייך דערזען און אים גלייך אריינגענומען אין די פּראָגראַמען. בא מיר איז אזוי ארום געבאָרן געוואָרן א שטיקל סופּיראָריטעט קאָמפּלעקס, איך האָב זיך געפילט העכער פון מיינע חברים און פאַרשטענדלאָך האָב איך זיך געצויגן אין א באַזונדערער ריכטונג. מיין קאָמפּלעקס האָט מיך אזוי דערוויטערט פון מיינע חברים אז ווען איך בין אריין אין דער הויך שול האָב איך באַדאַרפט אָנהויבן פון דאָס ניי צו זוכן אנדערע חברים.

ווען מיר, אין די שולן, האָבן אָנגעהויבן שטודירן די מער ראַדיקאַלערע למודים האָב איך זיך נאָך מער דערנעענטערט צו דער שול, און דערווייטערט פון דער גאַס. איך האָב זיך געפילט אז ווי אזוי קען איך זיך ארומחבר'ן מיט חברה וואָס ווייסן נישט עפּעס פון מאַרקס געשיכטע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און אז. וו.

די שול איז געוואָרן מיין קאָמפּאַס וואָס ווייזט מיר דעם וועג ווי צו לעבן העכער מאָראַליש פון מיינע נישט שול חברים.

עליזא בן־עמי
16 יאָר.

דער איינפלוס פון דער אידישער שול

די פראַגע „פאַרוואָס אידישע שולן" איז נישט קיין נייע, דאָך ווערט זי פאַרעכנט אַלס זייער א וויכטיקע נישט נאָר אין שולן־קרייזן גופא, נאָר בא אַלע די, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און קולטור. דער ענטפער אויף דער פראַגע דערמוטיקט זיי אַלעמען זייער שטאַרק.

דאָס איז אויך נישט שווער צו פאַרשטיין, ווען מען פאַרטראַכט זיך אין די געווינסן פון דער אידישער שול דערציאונג. עס וואָלט זיכער געווען לעכערלאָך אין אזא אַרטיקל צו פּרובירן אויספאָרשן און דערקלערן אַלע מיילעס פון דער אידישער שול דערציאונג,

און איך ווייס נישט צו איך פּערזענלאך וואָלט עס גאָר געקאָנט טאָן. אָבער איך וואָלט יאָ געוואָלט ארויסברענגען כאָטש איין מאָמענט וואָס באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון דער אידישער שול. גרויס און וויכטיק איז דער איינפלוס וואָס די שול האָט אף אירע תלמידים. ער קומט ניט מיטאמאָל, נאָר לאָזט זיך דערקענען פאר דעם תלמיד אליין, ערשט נאָך א לענגערער צייט פון טאָגטעגלאכן קאנטאַקט מיט דער שול אַטמאָספערע.

איך מיין אַז מיר וועלן בעסער קענען אָפּשאַצן די ווייטגייענדיקע רעזולטאַטן פון דעם שול איינפלוס ווען מיר וועלן אים פאַרגלייכן מיטן איינפלוס פון דער ענגלישער סקול.

ווען מיר באַטראַכטן אַ קינד אין דער מיטל שול, וועלכער איז שוין אונטער דעם איינפלוס פון דער שול א היבשע צייט, קאָנען מיר ערשט דערזען און אָפּשאַצן די רעזולטאַטן פון דער שול ווירקונג. אָט אין דער פּעריאָדע ווען דער יונגער מענטש כאַפּט אויף אלע נייע געדאַנקען און אידייען, און הייבט שוין אָן טראַכטן אין געווּיסע ריכטונגען, פאַר זיין שפּעטערדיקן לעבן, זיינען די פאַרשידענע שול און סביבה איינפלוסן, זייער באַווירקנדיק און וויכטיקע, ווייל זיי באַשטימען אונדירעקט זיין צוקונפטיקן לעבן.

ווען דער יוגנטלאכער געפינט זיך אין אַ אַטמאָספערע וואו ער איז ארומגערינגלט פון פאַרשידענע קוואַלן וואָס באַווירקן אים, איז קענטיק אז די אידישע שול האָט דעם גרעסטן איינפלוס. מיט דעם מיין איך נישט נאָר, וואָס די שול גיט דעם קינד א בעסערע און טיפערע דערציאונג, ברענגענדיק אים אין קאָנטאַקט מיט דער אידישער וועלט און איר קולטור: איך מיין דאָס נאָך וויכטיקערע פון דעם—דעם איינפלוס וואָס באַווירקט אומבאַוואוסטערהייד דעם יוגנטלאכן וועלכער האָט געלערנט אין א אידישער שול.

אַנשטאַט צו ווירקן פּאַסיוו, אָדער איננאַנצן אָפּצושוואַכן די נייגעריקייט און דעם ווילן זיך ארייַנטיפן און אויספאָרשן פאַר זיך געוויסע פראגן און פּראָבלעמען, וואָס דאָס איז צומביישפּיל א טענדענץ פון דער ענגלישער סקול—רעגט אָן און דערמוטיקט די אידישע שול דאַווקע יאָ צו פאַרטיפונג, אין דער ריכטונג פון סאָציאַלע פּראָבלעמען און פון אלגעמיינע לימודים. די אידישע שול

שאַפט די טענדענץ צו סקעפּטיציזם וואָס לאָזט איבער דעם געפיל פון נייגעריקייט אויסצוגעפינען און פאַרשטיין בעסער געוויסע פראַגן און פּראָבלעמען. אַ ביישפּיל פון דעם איז דער גרויסער אינטערעס צו וועלט געשעענישן און אַ ווילן צו פאַרשטיין און פאַרטייטשן זיי, וואָס כמעט יעדער אידישער מיטלשולניק האָט.

ציענדיק שוין אַ פּאַראַלעל צווישן אַט די איינפלוסן פון דער אידישער שול, און פון דער אַמעריקאַנער סקול, איז כדאי צו דערמאָנען נאָך אַ קעגנזעצלאַכן פאַקטאָר. דאָס איז דער פרייער ברייטער געדאַנק וואָס די אידישע שול דערמוטיקט צווישן תלמידים אין קעגנזאַץ צו די באַשרענקטע שמאָלע ליניעס פון געדאַנק וואָס די ענגלישע שול פרעסט אַרויף. אַט דער קעגנזאַץ איז אַן אורזאַך פאַר דעם באַהערשנדיקן איינפלוס פון דער אידישער שול.

זייער וויכטיק, איז די שול ווירקונג אויפן יוגנטלאַכן אַליין, אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין געזעלשאַפטלאַכן לעבן, און אויף זיין פיייקייט צו קענען זיך אָריענטירן און פאַרשטיין זיין פּאָזיציע אין לעבן.

ווען דער יוגנטלאַכער קומט אין קאָנטאַקט מיט דער קולטור-רעלער אַטמאָספערע פון דער אידישער שול וואו עס הערשן די געפילן פון יושר און טאָלעראַנץ אין אַ האַרמאָניזירנדיקן געזעל-שאַפטלאַכן לעבן, ווערט ער אַ טייל פון אַט דער געזעלשאַפט און ווערט באַאיינפלוסט פון אירע דאָמינירנדיקע געפילן. פון אַט דעם איינפלוס שאַפט זיך באַ אים אַ נייע באַציאונג צו דער היים און צו דער גאַס.

די ענגלישע סקול האָט כמעט נישט אײנגאַנצן דעם אינטימען צוזאַמענלעבן זיך פון די תלמידים, און אַלס רעזולטאַט איז נישטאָ דער איינפלוס אויף דעם וויטערדיקן געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון דעם תלמיד.

די ווירקונג פון דער ענגלישער סקול וואָלט איך געזאָגט איז מער קאָנצענטרירט בלויז אויף דער קורצער פּעריאָדע פון די סקול שטונדן, אין די ראַמען פון די לימודים.

אַרויסצובריינגען און דערקלערן פאַרוואָס ס'איז פאַראַן אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער אידישער שול, און דער אַמערי-

קאנער סקול, איז נישט מיין אויפגאבע יעצט, ווייל אפשר וואלט עס געמיינט צו באווייזן דעם אונטערשייד אין די גרונט פרינציפן אף וועלכע די צוויי טיפן שולן זיינען געבויט געווארן.

איך וויל בלויז רעזומירן: די סביבה און די לערער אין דער אידישער שול זיינען פארינטערעסירט אין דעם תלמיד, צו דער־הויבן אים, און אים צו פארשטיין; בישאס, אין דער ענגלישער סקול איז דער תלמיד א מעכאנישע זאך אין וועלכער דער לערער מוז אריינלעגן א געוויסע מאס וויסן און ארויסבאקומען באשטימטע רעאקציעס; און אויב די רעאקציעס זיינען נישט די געהעריקע, באטראכט מען „די זאך" אלס אומנארמאל אין א געוויסן זין. שולדיק פארשטייט זיך איז די סיסטעם אונטער וועלכער די אמע־ריקער סקול ארבעט.

כאטש איך האב גערעדט אין אלגעמיין פון תלמידים פון דער אידישער שול, אלס א קלאס, איז אבער דער באזיס פון מיינע אידייען און געדאנקען געלעגן אין מיינע פערזענלאכע געפילן פון דער אידישער שול און איר נוצן.

יאסל בראנשטיין
16 יאר.

צען יאר שלום עליכם שולן — אכט יאר מיין אידישע דערציאונג

—צען יאר שלום עליכם שולן אין שיקאגע! צען יאר פון בויען, שטרעבן און האפן, און פון דאס אלעס, איז ארויסגעוואקסן א וואונדערלאכע אינסטיטוציע — דער שלום עליכם אינסטיטוט.

ס'איז שוין אכט יאר, אז איך האב געלערנט און שטודירט אידיש, א וואונדערלאכע שפראך און א וואונדערלאכע שול, אכט יאר האב איך געלערנט, אידיש, געשיכטע, ליטעראטור, קאמפאזי־ציע, א. אז. וו.

מיין אנפאנג, אין א קליינעם קעלער צימערל, מיט א גרופע קליינע קינדערלאך, מיר האבן אנגעפאנגען פונם "ערשטן שטאפל

פון ליטער", און האָבן געקלעטערט און געקלעטערט ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ — צען יאָר, איצט וועלן די שול טוער מוזן צושטעלן נאָך א ליטער איבער דעם ערשטן, ווייל מיר מוזן קלעטערן, וואָס העכער און העכער . . . דערגרייכן וואָס מער, — אידיש, קולטור יוגנט...

אין די ערשטע יאָרן, איז עס געווען שרעקלאַך שווער, — אויפצובויען, אויסצוהאַלטן די שולן, און די שולטוער זיינען אַרומ־געלאָפן אין די הייזער, — פאַרגעסן זייער אייגענע היים, זייערע אייגענע קינדער. איין קליינע שול איז אויסגעוואַקסן אין איין געגנט און אין אַנאַנדער געגנט איז אויסגעוואַקסן אַ צווייגל, דער בוים האָט אָנגעהויבן צו בליען וואָס שענער און העכער, מער צווייגלאַך זיינען אַרויסגעוואַקסן...

אָבער איין מאָל און צוויי מאָל, און דריי מאָל, איז אָנגעקומען דער קאַלטער ווינטער, די פראָסט, קעלט, און ס'האָט זיך אויסגע־דאַכט, אז דער בוים וועט שטאַרבן, — אָבער יעדן זומער, איז עס אויסגעוואַקסן און אויסגעבליט, וואָס שענער, גרעסער, פּראַכטפול־לער . . . שול־טוער, געלט, שכר־למוד, פראָסט, אידיש, קולטור, אידישע יוגנט . . . וואַקסט . . .

יעדן יאָר איז דער בוים געוואָרן העכער, ס'האָט זיך אויסגע־דאַכט אז ס'וועט נאָך דערגרייכן דעם הימל... נעבן דעם גרויסן בוים איז אויסגעוואַקסן קליינע גרעזעלאַך — קליינטשינקע, גרי־נינקע — יונגע... און די שול־טוער האָבן אַלץ ניט גערוט, געוואָרן עלטער, — נייע לערער, אַלטע לערער, נייע שול־טוער, יוגנט, גראַ־דואירטע, אידישע יוגנט.

נאָך א יאָר, נאָך א פרילינג נאָך א בוים — צוויי בליענדיקע ביימער מיט קליינע צווייגן, וואָס פאַנגען אָן צו בליען... די גרעזע־לאַך—הויכע, און די פייגלאַך, טראָגן קליינע שטעקעלאַך אהין און צוריק — און סע דאַכט זיך אויס אז זיי זיינען די קליינע קינדער — אידישע קינדער, וואָס טראָגן צו און העלפן מיט וואָס זיי קענען, הרג'ענען די "אינסעקטן" און די אַנדערע שטערער וואָס לאָזן ניט די צוויי ביימער וואַקסן — בשלום...

נאָך אַ פרילינג, נאָך אַ ווינטער, — שוין פינף יאָר, זע נאָר, די בוימער זיינען געשטאָרבן, — און אַף זייער פּלאַץ — דריי ריזיקעביימער — נאָך גרעסער פון די פריערדיקע!.. נאָך העכערע גרעזלאַך — די שולן וואַקסן — קונסט קלאַסן, געזאַנג, באַזאַרן, בלומען טעג . . . איי, ס'איז גוט!

פינף, זעקס יאָר, נאָך אַ צווייג, נאָך אַ בוים, נאָך אַ גרעזל, בלומען, סע בליט.. —

זע נאָר, מיר ווערן קליגער, אינטעליגענטער, מיר פּרעזערווירן די שולן, — מיר באַוואַסערן זיי — זיי ווערן שענער, העכער, וואונדערבאַר!

נאָך אַ יאָר — זיבן — בוימער שטאַרבן — נייע וואַקסן אויף, מולטיפּלירן זיך. אַ סימפּאַניע פון ביימער—אידישע, וואַקסנדיקע.

נאָך אַ יאָר — אַכטיאָר ! צען יאָר שלום עליכם שולן — אַכט יאָר פון מיין אידישער דערציאונג — איך בין באַוואוסטזיניקער, אינטעליגענטער, איך מאַך די ערד אַרום די בוימער ווייך, די בוימער וואַקסן — שענער, וואונדערבאַר...

— אַ וואַלד — אידישקייט — שלום עליכם שולן!.. קינדער לויפן אַרום, זינגען און טאַנצן מיט די שול־טוער... קלעפּן אַרויף פּלאַקאַטן אַף אַלע בוימער — "שלום עליכם שולן", — "10 יאָר שלום עליכם שולן", מיינע אַכט יאָר אידישע דערציאונג, אַנדערע קינדער, — זיבן, זעקס — — — פיר...

און די שולטוער לאַכן,— שמייכלען — צופרידן...

קולטור, אידיש, יוגנט — אידישע יוגנט!.. 10 יאָר שלום עליכם שולן — אַ וואַלד פון אידישקייט — לערער — שולטוער — קינדער . . .

רחל גערטלער
17 יאָר.

די אידישע שול

איך געדענק ווי מיינע עלטערן האָבן מיך צום ערשטן מאָל געפירט צו א אידישן קאָנצערט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון א גרופע קינדער פון דער שלום עליכם שול. דער קאָנצערט האָט געהאט אַף מיר א זייער שטאַרקע ווירקונג און ווען מיינע עלטערן האָבן מיר געזאָגט אז זיי וועלן מיך שיקן אין דער אידישער שול האָב איך זיך זייער געפרייט. עס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַזאַ מין פייערל פון גלוסט צו געפינען זיך אין דערדאָזיקער, היי־מישער, וואַרימער אַטמאָספערע. בא מיין ערשטן אריינטריט, אין דער שול, האָב איך זיך ארומגעקוקט אין דעם אָרים שטיבל און איך האָב באַמערקט עטלעכע בילדער פון גרויסע שרייבער הענגען אַף דער וואַנט, די קינדער זיצן אַף זייערע ערטער מיט שמייכ־לענדיקע פּענימער און אויבנאָן זיצט דער לערער בערקאָוויטש און פאַרשרייבט קינדער. ער האָט מיך צוגערופן צו זיין טיש, מיך פאַר־שריבן און פאַרגעשטעלט פאַר אַלע קינדער. ער האָט מיך אויפ־גענומען אין א זייער איידעלן אויפן און מיך געבעטן זיך אוועק־זעצן. ער האָט אונדז פאַרגעליינט פארשידענע לעגענדעס און עט־לעכע קורצינקע דעקלאַמאציעס און אונדז געזאָגט אז פאַרן היינ־טיקן טאָג וועט עס שוין זיין גענוג. ער האָט זיך מיט אַלעמען גע־זעגנט און אונדז אָנגעזאָגט אז מיר זאָלן ניט פארגעסן צו קומען מאָנטיק פיר אזייגער, אין שול. איך האָב זיך געאיילט אהיים ווייל איך האָב געוואָלט דערציילן מיינע עלטערן וועגן דעם שטאַרקן איינדרוק וואָס די שול האָט אַף מיר געמאַכט. עס איז זיי זייער גע־פעלן געווען צו הערן אז זייער קינד איז פאַרינטערעסירט אין דער שול. מאָנטיק פיר אזייגער האָב איך פארנומען מיין אָרט אין שול (מערסטענס פון די קינדער זענען שוין געווען אין צימער) און בער־קאָוויטש האָט אונדז אָנגעפאַנגען לערנען.

נאָך דריי יאָר ווי איך בין דורכגעגאַנגען די קלענערע קלאַסן, האָב איך מיט פרייד גראַדואירט. איך האָב אָנגעפאַנגען גיין אין דער מיטל שול, און איך האָב זיך באַקענט מיט אנדערע קינדער

און מיט נייע לערער פּאָמעראַנץ און הורוויץ. איך בין געגאַנ־גען (און גיי ביז דעם היינטקן טאָג) קימאַט אַלע טאָג אין שול וועלכע איז מיין צווייטע היים ווייל זי איז מיר אַזוי ליב און טייער. בערקאָוויטש האָט אונדז געלערנט אידישע ליטעראַטור, פּאָמעראַנץ האָט אונדז געלערנט געשיכטע פון פריהייטס באַוועגונג און אידישע געשיכטע. נאָכדעם ווי בערקאָוויטש האָט געמוזט פאַרלאָזן די שול צוליב פערזענלאַכע אורזאַכן האָט פּאָמעראַנץ איבערגענומען דעם ליטעראַטור קלאַס און האַרוויץ האָט איבערגענומען די געשיכטע קלאַסן. מיר דיסקוסירן אויך די נייעסן פון טאָג און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן.

קלוב

די קינדער פון דער מיטל־שול האָבן געגרינדעט אַ קלוב וואָס רופט זיך אַן "קלוב יונג אידיש" און וועלכער ווערט אָנגעפירט פון כאַווער פּאָמעראַנץ. דער צוועק פונם קלוב איז צו באַקענען זיך בעסער מיט דער אידישער ליטעראַטור, מיט די אידישע וועלט פּראָבלעמען, און אַזוי וו״יטער. פּאָמעראַנץ האָט אונדז איצט אָנגעהויבן דערציילן אַ סעריע פון זיינע איבערלעבונגען פון דער "רוסישער רעוואָלוציע". ער מאַכט עס בעעמעם זייער אינטערעסאַנט די קינדער נעמען דאָס אויף אין אַ זייער גוטן און אינטערעסאַנטן אויפן. דער קלוב האָט זיך געגרינדעט אין דעם כוידעש יאַנואַר, און איך און אויך די אַנדערע קינדער האָפן אַז ער וועט עקזיסטירן אַזוי לאַנג ווי מעגלאַך.

די אידישע שול אונטערשיידט זיך פון דער ענגלישער שול אין אַ סך זאַכן: אין דער ענגלישער שול האַלט מען די קינדער אויף אַ מער דיסציפּלינירטן אויפן בעשאַס אין דער אידישער שול פילט מען זיך אַ סאַך פרייער; די קינדער און לערער זענען מער אינטים צווישן זיך און אַ כוץ אַלעמען איז די אַטמאָספערע (ווי איך האָב פריער געזאָגט) מער היימישער און וואַרימער.

ווען אַ קינד קומט צו גיין אין דער ענגלישער שול און ער האָט ניט פאַרטיק די אַרבעט וואָס איז אים באַשטימט געוואָרן, ווערט ער באַשטראָפט אָף אַ געווויסן אויפן, אָבער ווען דאָס טרעפט אין דער אידישער שול פאַרשטייט דער לערער אונדזער לאַגע און

נעמט אַז אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט, אָדער עס זיינען געווען אנדערע סיבעס, עס דאַכט זיך מיר אוים אַז אַ אידישער לערער קאָן מער פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קינד ווי אַן ענגלישער לערער.

קינדער קונסט סטודיע

מיר האָבן געהאַט אַ קינדער קונסט סטודיע וואָס איז דירעקטירט געוואָרן פון כאַוועך און כאַווערטע אַלטערמאַן. זי איז געטיילט געווען אָף צוויי באַזונדערע גרופּן· אַ קלענערע און אַ גרעסערע. די קלענערע גרופּע פלעגט גיין פון 1 ביז 2 — און די גרעסערע גרופּע פלעג גיין פון 2 ביז 3 נאָכמיטאָג יעדן מיטוואָך און שאַבעס. כאַוועך אַלטערמאַן האָט אונדז געלערנט דראַמע, זינגען, און דיקציע, כאַווערטע אַלטערמאַן האָט אונדז געלערנט טאַנצן. כאַוועך אַלטערמאַן פלעגט אויסקלייבן אַ פּאַסיקע זאַך פאַר אונדז, פאַרלייענען און פרעגן אונדזער מיינונג. נאָכדעם ווי די זאַכן זענען אויסגעקליבן געוואָרן האָבן מיר זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אַלע האָבן פּרובירט לייענען געוויסע ראָלן און דאָס קינד וואָס האָט געלייענט די ראָל אַמבעסטנס האָט זי געשפּילט אַף דער בינע. א טייל פון די קינדער זיינען געווען אין דער טאַנץ גרופּע און אַ טייל האָבן זיך באַטייליגט אין דעקלאַמירן. מיר האָבן געהאַט עטלעכע קאָנצערטען וואָס האָבן בעעמעס געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. מיר אַלע וועלן גאַנץ לאַנג געדענקען די צייט פון דער קינדער קונסט סטודיע בא אונדז אין דער שלום עליכם שול.

בינה זאַלץ

16 יאָר.

די אידישע שול און די אידישע יוגנט

איך בין נאָך אַ יונגע מיידל, אָבער פון מיין ביסל דערפאַרונג פיל איך אַז די אַסימילאַציע פון דעם אַמעריקאַנעם אידישן קינד, איז צום גרעסטן טייל, די שולד פון די עלטערן, אַז אַ קינד זעט אין זיינע עלטערן גלייכגילטיקייט צו אידיש איז ער אויך גלייכגילטיק. דער דורכשניטלאָכער אַמעריקאַנער קינד האָט מער ליב די ענגלישע שול און די ענגלישע שפּראַך ווי אידיש, און אויב

ער וועט נישט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט ווערן ליב צו האָבן די אידישע שול און די אידישע שפּראַך וועט דאָס אים זיין פרעמד און ער וועט זיכער אויסקלייבן ענגליש אַלס זיין מוטער שפּראַך.

חברים האָבן אַף אַ קינד אַ שטאַרקן איינפלוס. חברים קאָנען אים מאַכן גלייכגילטיק צו זיין שפּראַך, און, נאָך ערגער דערפון, אַז ער זאָל זיך שעמען מיט זיין שפּראַך. די שפּראַך פון דעם לאַנד איז ענגליש. קינדער גייען אין דער ענגלישער שול 35 שעה אַ וואָך, און גייען אין דער אידישער שול אינגאַנצן 4 אָדער 5 שעה אַ וואָך. איין קינד איז צו שוואַך זיך קעגנשטעלן אַזאַ מין שטראָם, און ער וועט דאָס נישט פּרובירן צו טאָן, ווען ער ווערט ניט דערמוטיקט פון גרויסע צו האָבן דרך ארץ און ליבע צו זיין שפּראַך און שול. ווען עלטערן לעבן אין אַן ענגלישער אַטמאָספערע און קענען נישט די אידישע קולטור, די שפּראַך, זייערע אייגענע שולן, ווי אַזוי קאָן מען דערוואַרטן אַז אַ קינד זאָל זיך נייגן צו אידיש?

מאָוווים און ראַדיאָ האָבן אויך אַ גרויסע ווירקונג אַף אַ קינד. אַז אַ קינד גייט אַלע וואָך אָן אויפהער צו די "מאָוווים" און קריגט אַזאַ מין דערציאונג, איז ווי קען אַ קינד זיין נאַציאָנאַליסטיש געשטימט?

איך האָב אַליין בייגעוואוינט אַ פאַל ווען אַ מיידל אין שול, וואָס איז מסתמא געצוואונגען געוואָרן פון איר מאַמען צו גיין אין שול, האָט געפרעגט באַ אונדזער לערער "וואָס וועל איך טאָן מיט אַ ייִדיש?" — דאָס איז איינער פון אַ סך ביישפּילן. אַ קינד פילט אַז ער האָט נישט קיין צוקונפט; אַז עס לוינט אים בעסער צו קענען ענגליש, כדי צו זיין אַ גוטער בירגער פון די "פאַראייניקטע שטאַטען" און אַז ער וועט האָבן מער פריינט און אַ בעסערע פּאָזיציע ווען ער וועט נישט אָנערקענען אידיש אַלס זיין שפּראַך.

ווען איך האָב דערציילט אַ מיידל אַז איך לערן זיך אין אַ אידישער שול האָט זי געקוקט אַף מיר מיט גרויסע אויגן און האָט געפרעגט: "צו וואָס?" — האָב איך אַף איר צוריקגעקוקט, און אויך מסתמא מיט גרויסע אויגן (ווייל איך האָב זיך געוואונדערט אַף איר) און געענטפערט, "צו לערנען די אידישע שפּראַך, לייענען, שרייבען, רעדן, קולטור, געשיכטע און צו דערקענען די אוצרות פון מיין פאָלק; און אויך ווי זיך אויסצולעבן מיט מענטשן".

האט זי מיר געזאָגט: "מיין מאמע האָט מיך קיין מאָל ניט גע־צוואונגען צו גיין אין דער אידישער שול און איך דענק אז עס וואָלט מיר געווען זייער שווער אָנהויבן זיך לערנען אידיש יעצט, ווען איך בין שוין א גרויסע". און אזוי איז דאָס אין א סך פאַלן.

איך פיל אז איך קאָן זיך צוזאמענלעבן פיל מער הארמאָניש מיט די קינדער פון אידישע שולן ווי מיט אַנדערע קינדער. ווען מיר קומען זיך צוזאמען זינגען מיר אידישע לידער און מיר האָבן א פיל מער אינטערעסאנטן לעבן ווי די וואָס קענען ניט קיין אי־דיש. מיר דאַכט זיך אז זייער לעבן איז פּוסט און אז זיי פארלירן פיל מיט זייער נישט קענען זייער אייגענע שפּראַך.

איך מיין א ס'איז דאָ נאָר איין רפואה פאַר אסימילאַציע. אין דער היים מוז מען רעדן אידיש, לייענען אידישע צייטונגען און ביכער, האָבן דיסקוסיעס וועגן אידישע וועלטלאכע פּראָבלעמען, און זיך פאראינטערעסירן אין אידישער קולטור.

עס איז מיין האָפנונג אז אלע אידישע קינדער וועלן האָבן די מעגלאכקייטן וואָס איך האָב געהאט, און זאָלן האָבן אזא פול און אינטערעסאַנט לעבן ווי איך האָב דורך דער הילף פון דער מאָ־דערנער אידישער שול.

הינדע ראָזענבלום
16 יאָר.

הינדע

באַ מיר איז דאָס וואָרט "לערנען" אַלע מאָל געווען אַ פּראָב־לעם. זינט איך קאָן געדענקען, האָב איך אַלע מאָל געקעמפּט געגן דעם, ספּעציעל אין דער אידישער שול. אין דער ענגלישער שול האָב איך געוואוסט אַז איך מוז גיין און איך בין געגאַנגען. ס'איז אַד און ווי דאָס גיין וואָס איך בין געגאַנגען.

מיין אַריינפיר אין דער אידישער שול איז געווען צוליב איין אורזאַך, ווייל איך בין געווען זייער אַ ווילד קינד, און די מאַמע איז אַלע מאָל געווען אַ שוואַכע; און נאָכלויפן אַזאַ ווילד קינד ווי איך בין געווען איז ניט אַזאַ לייכטע אַרבעט. האָט מען מיך צוגעפירט צו דער שול און גיי. קיין צופיל כיישעק האָב איך ניט געהאַט צו גיין יעדן טאָג, נאָר עס איז געווען אַ נייע דערפאַרונג. די ערשטע פּאָר טעג האָט מיר נישט געאַרט און נאָכדעם איז מיר גאָרניט אָנגעגאַנגען דער גאַנצער איניען, ווייל איך האָב אַלץ גע־מיינט אַז איך וועל זאָגן דער מאַמע אַז איך וויל ניט גיין, וועט שוין זיין אַ סאָף.

אָבער ווי איך זעט איז ניט געווען אַזוי. אַסאַך מאָל וואונדער איך זיך וואָס וואָלט געוואָרן מיט מיר און וואו וואָלט איך איצט געווען, ווען איך וואָלט נישט באַזוכט די אידישע שול. מעסטאַמע ווי דער גרעסטער טייל פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, וואָלט איך זיך אויסגעלעבט אויף דער גאַס.

דער טאָג וואָס מיינע עלטערן האָבן מיך אַריינגעפירט אין דער שול האָט איבערגעאַנדערשט דעם גאַנצן גאַנג פון מיין לעבן. דאָס קען איך זאָגן איצט ווען איך זע שוין וואָס די שול האָט מיר געגעבן.

עס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו גיין יעדן טאָג, ווען איך האָב נישט געהאַט קיין שום אינטערעס אין דער שול. אָבער עפּשער וואָלט דער אינטערעס געוואָרן שטאַרקער מיט דער צייט,

נאָר דער געדאַנק, אַז איך בין געווען געצוואונגען עס צו טאָן איז מיר נישט געווען צום האַרצן און איך האָב שטאַרקער געקעמפּט געגן דעם.

בין איך געגאַנגען אין דער אידישער שול און אויך אין דער ענגלישער שול אָבער אַלץ מיט דעם זעלבן געפיל וואָס איך האָב געהאַט אין אנהויב. אַז איך האָב שוין דורכגעמאַכט די אַכט יאָר אין דער ענגלישער שול און איך האָב גראַדואירט האָבן אַלע גע־מיינט אַז איך וועל זיך איבעראַנדערשן און זיך נעמען אַביסל ערנסטער צו דער אַרבעט. אַזוי איז ניט געווען. איך האָב ניט גע־נומען די אַרבעט ערנסט (איך נעם זי איצט אויך נישט) און איך האָב שוין דורכגעמאַכט קימאַט דריי יאָר היי סקול.

אין דער אידישער שול איז געווען אנדערש. עס איז מיר ניט געפעלן געווען אין אָנהויב נאָר שפּעטער איז עס מיר ליב גע־וואָרן און די שולע איז געוואָרן מיין צווייטע היים. די פיר יאָר זיינען דורכגעפלויגן און מיר האָבן גראַדואירט די עלעמענטאַר שול. ערשט דעמאָלסט האָט זיך אנגעפאַנגען דאָס לעבן.

מיר זיינען געווען צוועלף קינדער נאַאיווע, נייגעריקע און גרייט צו וואָס דאָס לעבן זאָל אונדז ברענגען. איצטער זיינען מיר שוין זעבצניאַריקע. נאָך אַלץ קינדער, אָבער עפּשר אַביסל עלטער אין געדאַנק. דאָס איז דערפאַר ווייל אין שול האָבן די לערער אונדז אַזוי דערצויגן און איך מיין טאַקע דערצויגן. די היים איז בא מיר בלויז געווען אַ שלאָף־צימער און איך ווי די אנדערע האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער שול.

איך גיי שוין אין דער ענגלישער מיטלשול און ס'אַרט מיך ניט יאָ גיין אָדער נייןי אַז ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט בין איך אַוועק אין אַ מואווי אין דער צייט וואָס איך האָב געדאַרפט זיין אין סקול. קענט איר שוין זען דעם "געפערלאַכן" אינטערעס וואָס איז באַ מיר געווען.

אין סקול זיינען זיי אַסאַך הינטערשטעליק אין זייער לערנען פון דער אידישער שול. לאָמיר אייך ברענגען אַ ביישפּיל. אַ פּאָר מאָל האָט אונדזער לערערין געשטעלט אַזעלכע פראַגעס וואָס קיי־נער האָט אויף זיי ניט געקאַנט ענטפערן. איך האָב יאָ געענטפערט, ווייל מיר האָבן דאָס שוין געלערנט אין דער אידישער שול.

וואָס איך וויל אויסברייען איז אַז מיין אידישער דער־ציאונג וואָלט געווען שווערער צו פאַרשטיין אַסאַך וועלטלאכע זאַכן. אַ קינד וואָס פאַרשטייט באַמערקט אַזעלכע זאַכן ווי אידישע לערער זיינען איבערגעגעבן צו יעדן קינד באַזונדער. עפשר באַ־וויזן מיר דאָס ניט אָבער מיר פאַרשטיין און מיר שאַצן עס אָפּ. ספּעציעל ווען מיר ווערן דערוואקסן און ס׳קומט פאָר דער קאמף צווישן עלטערן און קינדער און מיר האָבן עמיצן אַף צו פאַרטרויען אונדזערע געפילן.

לייוויק האַרעקער
16 יאָר.

צען יאָר לעבן

פאַר די לעצטע צען יאָר גיי איך אין דער שלום עליכם שול. מיט צען יאָר צוריק ווען איך האָב אנגעפאַנגען גיין אין שול, איז עס ניט געווען דערפאַר ווייל איך האָב געוואָלט גיין, נאָר דער־פאַר ווייל מיינע עלטערן האָבן געוואָלט אַז איך זאָל קריגן אַ אידיש וועלטלאַכע דערציאונג. אַז איך טראַכט זיך גוט איין איצט, קען איך אַפילע געדענקען ווי איך האָב געפילט צו דער שול. מיר איז ניט געגאַנגען אין לעבן אַז איך זאָל גיין אין אַ שול. אַז איך פלעג אָפּלערנען, פלעג איך באַלד אַוועקלויפן צו די קינדער אין גאַס; ווי האָט עס געקענט זיין אנדערש? קיינע פון די קינדער פלעגן פאַרבלייבן נאָכ׳ן קלאַס. מיר זיינען אַלע געווען יונג. מיר פלעגן קומען צו דער שול נאָר דערפאַר ווייל אונדזערע עלטערן האָבן אַזוי געוואָלט. סיי־ווי־סיי האָבן מיר געהאט אונדזערע פריינט באַם הויז; און אַז מיר אַלע קינדער פון שול פון די פאַרשידענע סוויוועס פלעגן זיך צוזאַמענקומען פאַר אַ שטונדע אַ טאָג, ווי האָבן מיר געקענט ווערן גוטע פריינט, און שאפן אַ אינטימע אייגנארטיקע סוויווע נאָר פון די קינדער פון שול?

אַזוי איז עס אנגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגער צייט. איך האָב עפּעס געלערנט אָבער איך פלעג וועגן דעם ניט טראַכטן.

אין יענע יאָרן פֿלעגט זיך מיר אויסווייזן אַז די טעג פֿלעגן זיך דורכגיין אַזוי לאַנגזאַם. נאָר אַז איך בין אַלט געוואָרן אַרום ניין יאָר, האָט זיך מיר אָנגעפאַנגען אויסווייזן אַז די טעג פֿליען פאַרביי. אַט האָט זיך אָנגעפאַנגען דער טאָג, איך בין דאָך ערשט אויפגעשטאַנען און איך דאַרף שוין גיין שלאָפֿן. און איידער איך האָב זיך געקענט אַרומקוקן בין איך שוין באַלד געווען עלף יאָר אַלט. דאַן אַז איך פֿלעג זיך אַזוי פאַרטראַכטן פֿלעגט מיר אַסאַך מאָל אַריינפאַלן אין קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען: וועד זיינען זיי די קינדער פון דער שול? פאַרוואָס גיי איך אין אַ אידישע שול? פריער האָב איך וועגן דעם ניט געטראַכט. פון אַזעלכע פראַגעס פלעגן אַרויסקומען אַנדערע, און פון אַזעלכע פראַגעס האָב איך געזען אַז איך בין אַנדערש פון מיינע "גאַס חברים". גלאַט אַזוי זיינען די פראַגעס ניט אַפּגעגאַנגען. איך האָב געפרעגט מיין לערער אין שול, וועלכער איז דאַן געווען י. ח. פּאַמעראַנץ, און מיינע עלטערן. איך האָב געהאַט מיינע אייגענע אידייען, אָבער איך בין ניט געווען זיכער אויב זיי זיינען ריכטיק. אַז איך האָב שוין געקראָגן די ענטפערס צו מיינע פראַגעס, האָב איך דערזען אַז אַ אידישע שול איז אַ נויטיקע זאַך.

איך בין געוואָרן גוט באַפריינדעט מיט מיינע חברים אין שול. נאָכן קלאַס פלעג איך זיי פאַרהאַלטן און מיר פלעגן רעדן און זיך פאַרשפּילן. אַזוי אַז מיר האָבן אַנגעפאַנגען פאַרבלייבן אין שול נאָכן קלאַס. און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען פאַר אַ פּאָר כאַדאָשים; אַנשטאַט אַוועקלויפן צו מיינע "גאַס חברים" פלעג איך פאַרבלייבן מיט די קינדער פון שול. איך בין אינגאַנצן אַריבער צו דער שול. די שול איז געוואָרן מיין צווייטע היים. איך בין דאָרטן געווען טאָג און נאַכט. אַז איך בין געקומען פון דער ענגלישער שול, פלעג איך אָפּעסן און בין באַלד אַוועקגעלאָפן אין שול. איך פלעג זיך שפּילן מיט די קינדער אָדער עפּעס אַרויסהעלפן אין "אָפיס". די קינדער וואָס האָבן געוואוינט נענטער צו דער שול פלעגן אויך קומען פרי, די אַנדערע פלעגן קומען אביסל שפּעטער אָבער מיר זיינען אַלע געוואָרן זייער אינטים. איך בין שוין איצט געווען אַרום דרייצן און אַ האַלב יאָר אַלט.

אין דעם יאָר האָבן מיר גראַדואירט פון דער עלעמענטאַר שול און זיינען אריין אין דער שלום עליכם מיטל שול.

ווען מיר זיינען אריין אין מיטל שול האָט זיך אָנגעפאנגען א נייע פעריאָדע פאַר אונדז. מיר זיינען ערשט געווען אויפן שוועל פון לעבן. מיר זיינען געווען נייגעריק אַלץ צו טאָן. אין מיטל שול האָבן מיר אנגעפאנגען לערנען מיט א ברען. מיר האָבן איבערגעלייענט אַרום צען ביכער אין אַ פּאָר כאַדאַשים, מיר האָבן געשריבן קאָמ־פּאָזיציעס, און די אַרבעט איז אָנגעגאנגען גוט און פליסיק. אַלע קינדער פון דער מיטל שול האָבן זיך איינגעבונדן אין דער שול. אַז מיר זיינען ניט געווען אין דער היים, זיינען מיר געווען אין שול. מיר האָבן אויסגעלעבט אונזער פערזענלאַכן און קולטורעלן לעבן אין דער שול סוויווע.

עס איז איצט דריי יאָר אַז די מיטל שול עקזיסטירט, און קיינער פון די קינדער איז ניט אַרויסגעפאַלן, דערפאַר ווייל אין דער סוויווע פון דער שול האָבן זיי זיך אַמבעסטן אויסגעלעבט.

אָט די לעצטע פּאָר יאָר אין דער שול סוויווע האָבן ווירקלאַך פאַרענדיקט צען זייער אינטערעסאנטע יאָר פון מיין לעבן, וואָס זיינען געווען פול מיט דערפאַרונגען, פון וועלכע איך האָב זייער אַסאַך געלערנט. איך האָף אַז אין די קומענדיקע יאָרן וועל איך האָבן אַזאַ מין אינטערעסאַנטן לעבן ווי איך האָב געהאַט אין די פריערדיקע יאָרן, און אַז איך וועל דערגרייכן די צילן וועלכע איך האָב זיך אויסגעקליבן אין לעבן.

מרדכי לאַכמאַן
17 יאָר.

„דער בעסטער וועג צו באַוואָרענען דעם שלום אַף דער וועלט איז זיך צוצוגרייטן פאַר מילכאָמע"

עס איז שוין אכצן יאָר זינט מען האָט אונטערגעכאַסמעט דעם שטילשטאַנד־אָפּמאַך פון דער וועלט־מילכאָמע, אָבער די מילכאָמע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. יאַפּאַן און כינע האָבן זיך געשלאָגען כמעט די גאַנצע צייט און יעצט שלאָגט מען זיך אין אפריקע, און עפשער וועט מען זיך באַלד שלאָגן אין אייראָפּע.

זינט דעם שטילשטאַנד טאָג פון אכצן יאָר צוריק זאָגן כמעט אַלע לענדער אַז "דער בעסטער וועג צו באַוואָרענען דעם שלום אַף דער וועלט איז זיך צוצוגרייטן פאַר מילכאָמע". איך וויל אָבער באַווייזן אַז זיי טוען דאָס פאַרקערטע, און אַז דאָס ברענגט אַרויס בלויז שלעכטס. לאָמיר זען וואָס דאָס מיינט. דאָס מיינט, ערשטנס, אַז מע מוז האָבן אַן אויסערגעוויינלאכע גרויסע אַרמיי, סיי אַף דעם לאַנד און סיי אויף דער וואַסער. דאָס מיליטער מוז זיין שטאַרק דיסציפּלינירט. צוליב דעם מוז מען זיי קליידן און ביקסן אַריינשטעקן אין זייערע הענט. דערצו נאָך מוז מען די סאָלדאַטן צאָלן, אַז ניט, צוגייען זיי זיך.

איך שרייב אַף דער טעמע ווייל אין עטלאכע לענדער איבער דער וועלט שלאָגט מען זיך שוין און אין אַנדערע לענדער האַלט עס באַ קריג. רוסלאַנד, צום ביישפּיל, האָט זיך באַוואָרנט מיט דער גרעסטער אַרמיי אין דער וועלט, אָבער יאַפּאַן האָט זיך מיט איר סיי־ווי־סיי אָנגעפאַנגען צו שלאָגן. איטאַליע האָט אויך אַ זייער גרויסע אַרמיי, האָט זי איר אַרמיי קיין אַפריקע אוועקגעשיקט איינצונעמען לאַנד באַ די שווארצע, דייטשלאַנד האָט אויך אַ גרויסע אַרמיי, האָט זי אַריינגעמאַרשירט אין דעם רהיינלאַנד, וואו לויט דעם ווערסייל־אָפּמאַך האָט זי ניט געטאָרט אַריינקומען מיט קיין אַרמיי. פראַנקרייך האָט גלייך אָנגעשטעלט אירע סאָלדאַטן אַנטקעגן די דייטשן. יאַפּאַן האָט ערשט ניט לאַנג צוריק צוגענומען אַ גרויס שטיק לאַנד פון כינע — דאָס באַווייזט ווי די וועלט האָט זיך "באַוואָרנט מיט שלום"!

אַ גרויסע אַרמיי איז אַ שרעק פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג. פון אַ גרויסער אַרמיי וואַקסט אַרויס מיליטאַריזם אויף אַ גרויסן שטייגער, און פון מיליטאַריזם וואַקסט אַרויס האַס פון מענטש צו מענטש, פון דעם שטאַרקערן צום שוואַכערן. פון דער אַרמיי, דורך דער צייט, מוז אַרויסוואַקסן אַ שטאַרקער מיליטערישער קלאַס, אַזוי ווי עס איז אין דייטשלאַנד געווען, דער קלאַס באַשטייט פון די גענעראַלן און די אַנדערע אַרמיי באַאַמטע.

דער קלאַס איז אַ לומפּישער קלאַס וואָס טוט גאָרניט. זייער אַרבעט איז נאָר זיך צו שלאָגן — דאָס איז זייער געשעפט, דער

קלאַס ווי געוויינלאַך וויל ניט קיין קליינע אַרמיי און שלום, ווייל דאָס נעמט צו בײַ זיי די פּרנסה. עס איז אַ פֿאַקט אַז די וועלט־מילכאָמע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דײַטשלאַנד, ווייל דער קייסער האָט געשטאַמט פֿון דעם מיליטערישן קלאַס. מע קאָן אַזוי צוריקגיין ביז ביסמאַרקן, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון די יונקערס — אַ רײַכער מיליטאַריסטישער קלאַס אין דײַטשלאַנד. ער פֿלעגט אויך זאָגן אַז פֿראַגן דאַרף מען דערליידיקן "מיט בלוט און אײַזן". דײַטשלאַנד איז נישט דער איינציקער גוטער בײַשפּיל.

נאָך אַ זאַך, אַ גרויסע אַרמיי מאַכט אַ פֿאָלק שטאַרק בײַ זיך אין האַרצן, און אַז מע איז שטאַרק בײַ זיך וואַקסט אַרויס אַ געפֿיל אַז מע קאָן דעם אַנדערן אָנלייגן די ביינער, און אַז מע קאָן צונעמען באַם צווייטן ווייל ער קאָן זיך ניט צוריקשלאָגן.

איבער דעם האָט איטאַליע אירע סאָלדאַטן קיין עטיאָפּיע געשיקט אײַננעמען בײַ די שוואַרצע זייער לאַנד. פֿון דער אַנדערער זייט הויבן אָן די שוואַכערע לענדער מוירע צו האָבן, מאָביליזירן זייערע אַרמייען, מאַכן העכערע טאַריפֿן און עס פֿעלט נאָר אַ קליינער פּונק כדי אַן עמעסע מילכאָמע זאָל זיך אָנהייבן.

פֿאַר דעם אַלעם מוז דער ציווילער־מענטש באַצאָלן אומדירעקט דורך געהעכערטע פּרײַזן אויף אַלע פּראָדוקטן און דורך צינזן.

אַז עס ווערט קיין מילכאָמע ניט געפֿירט, פֿאַרוואָס זאָל דער ציווילער־מענטש שווער אַרבעטן אויף אויסצוהאַלטן אַן אַרמיי? דאָס איז פֿאַלש קעגן די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, לויט וועלכע אַלע מענטשן זיינען גלײַך, און איין קלאַס טאָר ניט אויסהאַלטן אַנאַנדערן אומזיסט און אומנישט.

נאָך איין פּונקט: אַז עס איז דאָ אַ גרויסע אַרמיי הענגט אין דער לופֿטן דער געפֿיל פֿון מילכאָמע שטאַרקער ווי דער געפֿיל פֿון שלום. די סאָלדאַטן וועלכע מע לאָזט אָפּ אויף אַ פּאָר טעג אַהיים, מאַרשירן אַרום אויף די גאַסן אָנגעטאָן אין זייערע שיינע יוניפֿאָרמען און לאָזן איבער אַ מיליטעריסטישן אײַנדרוק אויף דער יוגנט — די קומענדיקע פֿירער פֿון דער וועלט!

עפּשער וועט דאָס וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן עפּעס גוטס טאָן און עפּשער ניט, ווער ווייסט? איבער דער וועלט, אויף

יענער זייט יאם שלאָגט מען זיך, קאָן איך נאָר פאַרענדיקן מיט דער האָפענונג אז מע וועט אמאָל די קאַנאַנען און די ביקסן צע־קלאַפּן אף אקער־אייזנס.

אסתר לעוויצקי
16 יאָר.

יוגנט

וואו מען גייט און וואו מען שטייט זעט מען דעם איינפלוס פון יוגנט אויסגעדריקט אין א וועלכער ס'איז פאָרמע. יוגנט! וואָס איז עס אזוינס? א וואָרט וואָס באצייכנט דעם דאָר וועלכער וועט אין עטלאכע יאָר ארום פאַרנעמען א פּלאַץ אַלס בירגער פון דער געזעלשאפט. יוגנטלאכע, ווי עלטערע מענטשן, זיינען אנדערש איי־נער פון דעם צווייטן. אָבער עס זיינען פאַראַן אלגעמיינע כאַראַק־טעריסטישע יוגנט־שטריכן.

פאַרוואָס איז די יוגנט־פּעריאָדע אזוי טייער בא יעדן איינעם? איך דענק אז מענטשן זיינען אומגערעכט ווען זיי זאָגן אז עס איז דערפאַר ווייל דאָן האָט מען ניט קיין קאָפּדרייעניש. דאָס איז בלויז טיילוויין עמעס. איך וואָלט געזאָגט אז די יוגנט־פּעריאָדע איז אונדז אזוי טייער ווייל אַלץ איז פאַר אונדז ניי. מיר זיינען אף דער שוועל פון לעבן און פון אונדזער פּאָזיציע קאָנען מיר קריגן א פיינעם בליק אף אַלע זייטן פון לעבן, אף די טומלדיקע, גליק־לאכע און ליידנדיקע זייטן; אף זאכן וואָס ברענגען פיין און אף די וואָס באַלוינען פאַר דעם פיין.

דערפאַר וואָס אַלץ איז ניי פאַר אונדז, זיינען מיר באַגייסטערט ניינעריק און גרייט; אָבער אָט די טערמינען ווערן אזוי אָפט פאַלש פאַרטייטשט פון אונדזערע גרויסע. עמעס, מיר טוען אָפּטמאָל זאכן צו שנעל אף דעם מאָמענט, מיר האנדלען לויט אונדזערע איַמ־פּולסן און עס איז זייער זעלטן ווען מיר פאָלגן אונדזער פאַרשטאנד. דער יוגנטלאכער גייסט איז אָפּטמאָל אומבאַהערשבאַר. מעגן מיר אַפילע פאַרזוכן דעם טאַם פון דורכפאַל, וועלן מיר זיך ניט אונ־טערגעבן אָדער פאַרלירן האָפענונג. דאָס איז קעגן אונדזער נאַטור.

די געשיכטע גיט אונדז אסאך ביישפילן פון נאציעס וועמעס גוירעל איז באשטימט געווארן דורכן גייסט פון זייער יוגנט. ווער האט געהאלפן דער רוסישער רעוואלוציע? ווער זיינען געווען די סאלדאטן און טיילווייזע פירער פון דער רעוואלוציע אין אמע־ריקע? די יוגנט. פארשטענדלאך, מיר דארפן עלטערע געלערנטע מענטשן וועלכע זאלן אונדז ווייזן דעם וועג, עס איז אבער צוייפל־דיק אויב זיי, די גרויסע, וואלטן געקאנט אסאך אויפטאן אן דער הילף פון די מענטשן וואס זיינען גרייט זיך און אלץ אפגעבן פאר דעם אידעאל אין וועלכן זיי גלויבן — אן דער הילף פון דער יוגנט.

מיט דער אידישער יוגנט איז שוין אן אנדער פראבלעם. מיר האבן די פונדאמענטאלע שטריכן פון יוגנט אין אלגעמיין אבער מיר זיינען אויך אסאך אנדערש פון איר.

מיר ווייסן וואס אנטיסעמיטיזם איז. מיר ווייסן וואס נאצי־אנאלע רעבילעס און אונטער־פריוועלעגיע איז. אף אוועקצורייסן זיך פון דעם איז פארגעקומען אן איבערברוך אין דעם אידישן פאלק. א טייל אידישע יוגנט האט זיך איינגעאנצן אסימילירט. ס'איז פאר איר בעסער ווי דורכצוגיין דאס לעבן אלס אידן. די יוגנטלאכע האבן באגראבן זייער געשיכטע, זייערע טראדיציעס, כאטש פאר־געסן דאס קאנען זיי ניט.

ווייטער האבן מיר א יוגנט וואס איז גלייכגילטיק. אפיציעל האט זי זיך ניט אסימילירט, אבער אזעלכע יוגנטלאכע מאכן ניט קיין וועזן פון באקאנטשאפט מיט זייער געשיכטע, פון העלפן אי־דישע באוועגונגען און אזוי ווייטער

און צולעצט האבן מיר נאך א סארט יוגנט, א אידיש־קעמ־פערישע. דורכפאל! יא, אט די יוגנטלאכע האבן אסאך מאל געפילט יעדן אס פון דעםווארט ווען זיי האבן פרובירט קריגן זייערע באווײרים און פריינט אז זיי זאלן איינזען אז אלס אידן האבן זיי אנדערע פראבלעמען און יענע האבן זיך אויסגעדרייט מיט די פלייצעס; ווען זיי זיינען באליידיקט געווארן אלס אידן. אבער דער סארט יוגנט איז שטאלץ מיט אונדזער אידישקייט, מיט אונדזער געשיכטע, מיט אונדזער קולטור. און די אידישע שול האט אין דעם געשפילט די גרעסטע ראל. אין איר האבן זיי זיך געשפייזט מיט דער אידישער קולטור און זיי וועלן אף ווייטער זי אויפהאלטן.

אביטוריענטן

ALUMNI

באשע סלאבאדקין

די שלום עליכם שול און איך

עס איז שוין א לאנגע צייט זינט איך בין געווען א שילערן אין דער שלום־עליכם שול. אבער ווען איך טראכט צוריק איבער די יארן ווערט פאר מיר קלאר איין אמת. די שול שטייט ניט אליין. די שול איז פארבונדן מיט דער היים, און די היים מיט דער שול. דערפאר איז אלעמאל געווען דער ציל פון שול־טוער, א היים וואס ארבעט קא־אפעראטיוו מיט דער שול. צופיל אמעריקאנער קינדער קומען פון היימען וואו די הויפט שפראך איז ענגליש; זייער גאס שפראך איז נאטירלאך ווייטער ענגליש; דער קליינער פראצענט וואס באזוכט די אידישע שול הערט אידיש בלויז איין שעה א טאג. עס איז לייכט צו זען פאר וואס די קינדער רעדן, טראכטן, און לעבן זיך אויס אין ענגליש. די אידישע שולן עקזיסטירן אבער דערפאר ווייל אירע טוער פילן אז דאס לעבן פון דעם אידישן קינד איז נאר פארגאנצט ווען ער ווערט אינטים מיט זיין שפראך, זיין ליטעראטור, זיין געשיכטע, און מיט די פראבלעמען פון זיין פאלק. דאס איז די ארבעט פון דער אידישער שול, און זי איז ניט קיין לייכטע ארבעט. ניט אלע היימען זיינען אינגאנצען אמעריקאניזירט. עס זיינען פאראן היימען וואו מען רעדט יא אידיש, וואו מען ליבט אידיש, און וואו מען פילט זיך נאנט צו די אידישע

שולן אין זייער ארבעט. קינדער פון אזוינע היימען זיינען פיינע שילער און טוער; נעמט זיי אָבער אַוועק פון זייער אידישער אַט־מאָספערע, און די אידישע) שול וועט זיי אויך ניט קענען העלפן.

אידישע שול־גייענדיקע קינדער צוטיילן זיך אין צוויי קאַטע־גאָריעס. די ערשטע באַשטייט פון די וואָס גייען אין דער שול ביז זיי לערנען זיך אויס אַ ביסל די מעכאַניק פון לייענען און שרייבן; דאַן מוזן זיי פאַרלאָזן די שולן ווייל זיי נייטיקן זיך אין דעם אויסערלאַכן איינפלוס וואָס זאָל זיי אריבערפירן דעם גרעניץ צום ווייטערדיקן לערנען. די צווייטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון די וועלכע האָבן שוין די נויטיקע פליסיקייט אין דער מעכאַניק פון לייענען און שרייבן, און אויך דעם אויסערלאַכן איינפלוס. די קאַטעגאָריע האָט די פריווילעגיע זיך באַקענען און אינטים ווערן מיט דער רייכקייט פון דער ליטעראַטור, געשיכטע, א. א. וו. מיינע חברים און איך פון דער שלום־עליכם שול זיינען געווען פון דער לעצטער קאַטעגאָריע.

אין מיין היים האָבן מיר אַלעמאָל געהערט און גערעדט מערסטנטייל אידיש. די חברים און פריינט וועלכע קומען אין אונדזער הויז רעדן אידיש, און וועגן אידישע פּראָבלעמען. די שפּראַך איז מיר אַלעמאָל געווען נאָענט, און ווען איך בין געגאַנגען אין דער שלום־עליכם שול, האָב איך נאַטירלאַך קיין גרויסע שווע־ריקייטן ניט געהאַט. די שול איז פאַר מיר אַלעמאָל געווען דער פּלאַץ וואו איך האָב געקאָנט קומען מיט מיינע פראַגן, און מיינע פּראָבלעמען. איך האָב אַלעמאָל געפילט אַז דאָ פאַרשטייט מען מיך. איך פלעג קומען פון דער שול צו מיינע חברים פון סקול, און האַלטן פאַר זיי (אַף אַ קליינעם אויפן) לעקציעס וועגן דער וויכטיקייט פון דער אידישער שול פאַר אידישע קינדער. איך ווייס ניט צו איך האָב זיי איבערצייגט מיט מיין אמת, אָבער איך פלעג אַליין אַוועקגיין מיט דעם געפיל אַז איך בין גערעכט.

יעצט מער ווי פריער, זע איך ווי גערעכט איך בין געווען, ווייל אין דער שלום־עליכם שול האָב איך זיך ניט נאָר אויסגע־לערנט לייענען און שרייבן אידיש, נאָר איך האָב זיך באַקענט מיט דער אידישער געשיכטע, אידישע ליטעראַטור, און אידישע פּראָב־לעמען. איך פיל אַז אין מיין אינטערעס צו געזעלשאַפטלאַכער

ארבעט, אזוי ווי מיין באַלאַנגען צום געפּראַפּ (געזעלשאַפט פריינט פון ארבעטער פּאַלעסטינע) און מיין ליבע צו אידיש און צו דעם קאַמף פאַר דאָס רעכט פון אידיש, האָט די שלום־עליכם שול מיר געגעבן דעם אינטעלעקטועלן פונדאַמענט.

מנוחה בן־עמי
19 יאָר.

וועגן זיך און דער שול

איך קוק אַף צוריק און וויל פאַר זיך צוריקברענגען גאַנץ קלאָר די צייט ווען ס׳איז מיט אַמאָל פאַר מיר אויס שול געוואָרן; מיט מיין 19 יאָריקער לויטערקייט פון געדאַנק פּרוביר איך צו אַנאַליזירן מיינע געפילן און געדאַנקען פון יענער צייט וואָס קען מיט רעכט פאַרעכנט ווערן אַלס אַ גרעניץ עפּאָכע אין מיין לעבן. איך וואָלט געוואָלט באַטראַכטן דעם מאַטעריאַל גאַנץ אָביעקטיוו, ווייל עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין גאַנצן קרייז און איך וויל ציען פון אים געוויסע אַלגעמיינע שלוסן.

מיט געוויסע רעזערוואַציעס, וואָלט איך געזאָגט אַז ווי אַ רויטער שנור, לויפט דורך איבער די דאָזיקע לעצטע יאָרן דער שאַרפער שטריך פון צווייפל און פון אומזיכערן טראָט.

פילע פּראָבלעמען וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין גאַנג פון מיין געזעלשאַפטלאַכער אויסלעבונג האָבן זיך רעדוצירט צו צוויי געדאַנקען־גאַנגען וועמעס באַדייטונג איך האָב בעסער געפילט איידער פאַרשטאַנען. איין געדאַנקען־גאַנג האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער פילאָזאָפיע וואָס לייגט איר הויפּט געוויכט אַף דעם איינצעלנעם מענטשן, אַף זיינע געפילן, איבערלעבונגען און באַציאונגען צום ארום, און דער צווייטער געדאַנקען־גאַנג האָט זיך געדרייט ארום דער געזעלשאַפטלאַכער סטרוקטור פון אונדזער לעבן אין וועלכער דער אינדיווידועלער מענטש עקזיסטירט נאָר אַף אַזוי ווייט אַף וויפיל אַ פאַקטאָר אין דער קייט פון געשעענישן און פּאַסירונגען פון דער צייט.

איך האָב געפֿילט אַז מען מוז צוטרעטן צו יעדער סאָציאַלער פֿראַגע מיט איינער פֿון די צוויי באַציאונגען כּדי צו קענען זען קלאָר דעם וועג פֿון אַרבעט אויף אַ געזעלשאַפֿטלאַכן געביט. נאָר אַזוי ווי איך האָב געפֿינען אין זיך אַ שטאַרקע אומזיכערקייט און צווייפֿל וועלכער באַנעם איז דער מער אידעאַלער, בין איך אָפּגע־שטאַנען פֿון די יוגנט־באַוועגונגען, וואָס האָבן געהאַט וועלכע עס איז פּאָליטישע ריכטונגען. און דאָך זיינען די אָרגאַניזאַציעס גע־ווען רייצנדיק מיט זייער אַקטיווויטעט, מוט און פֿייער. איך בין נישט געווען געגנוג באַשטימט בײַ זיך אַז די אַרבעט און די אידייען וואָס זיי רעפּרעזענטירן זיינען די אין וועלכע איך קען זיך מיט זיכערקייט און באַגייסטערונג אַנשליסן.

די באַדערפֿעניש פֿאַר אַ אינטעלעקטועלער איבערצייגונג קען איך נאָכפֿאָלגן אַף צוריק צו דער שולע. דאָרט האָב איך געקראָגן מיינע ערשטע באַגריפֿן און אויסטייטשונגען פֿון די פֿאַרשיידענע סאָציאַלע ריכטונגען אינעם לעבן. מיט אַן אָביעקטיוון קוק האָבן מיר באַגעגנט די פֿאַרשיידענע באַוועגונגען, און דיסקוטירט די מיי־נונגען וועגן זיי און די באַוועגונגען קעגן זיי. און פֿון אויבן אַראָפּ האָבן מיר באַטראַכט די אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע מען האָט אַרויפֿגעצוואונגען אַף דער יוגנט פּאָליטישע ריכטונגען און פֿילאָ־זאָפֿיעס.

די באַשולדיקונג אַז די שולע איז פֿאַראַנטוואָרטלאַך פֿאַר מיין ניט־קענען זיך צופּאַסן צו אַ סאָציאַלער באַוועגונג איז דאָך, אַ שטאַרקע און מען וואָלט זי באַדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן.

איך וויל אונטערשטרייכן דעם פֿאַקט אַז אין דער צייט ווען די שולע־לימודים האָבן אונדז באַקאַנט געמאַכט מיט די טעאָריעס און אידייען פֿון אונדזער היינט־צוטאָג געזעלשאַפֿט, זיינען מיר, די שילער, ניט געווען גרייט צו פֿאַרשטיין טיף גענוג — מיר זיינען ניט געווען רייף גענוג אויף צו באַנעמען די איניאַנים אין אַ וועלכער עס איז גאַנצער פֿאָרמע.

איך האָב זיך אַ סאַך מאָל געפֿרעגט צי האָט די שולע ניט קיין וויכטיקערע אַרבעט צו דערפֿילן אין די העכערע לימודים, מיט על־טערע שילער, איידער אין אינגערע קלאַסן? עס קאָן זיין

אַז מיט דער פֿאַרזעצונג פֿון מיינע שול לימודים — אַנשטאַט זייער אָפּהאַקונג — וואָלטן אַ סך פּראָבלעמען וואָס זיינען אַנטשטאַנען צוליב דער שול, פֿאַרענטפֿערט געוואָרן.

איך האָב אויך געוואָלט אַרויסברענגען נאָך איין פּונקט אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿראַגע פֿון געזעלשאַפֿטלאַכער אויסלעבונג. אין דער צייט ווען איך בין געגאַנגען אין דער שול איז מיין סביבה געווען אין דער שול. אַלץ איז געווען צענטראַליזירט אַרום דעם איינעם פּונקט — און די שול האָט באַהערשט יעדע פֿאַזע פֿון מיין לעבן. מיט דער צופֿאַלונג פֿון דער סביבה פֿון דער פֿולער, פֿאָלקאָמער אויסלעבונג — זיינען אויפֿגעשטאַנען פֿאַר מיר די פּראָבלעמען פֿון אָריענטירן זיך אין אַנדערע אַטמאָספֿערעס, אין אַנדערע גרופּעס. איך האָב דורכגעלעבט די צייט ניט נאָר מיט די געוויינלאַכע שוועריקייטן וואָס באַגלייטן יעדער בייט פּעריאָדע אין לעבן. עס איז אויך צוגעקומען די פּראָבלעם וואָס איז אַנטשטאַנען פֿון דעם פֿאַקט וואָס די פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿון געזעלשאַפֿטלאַכער אויסלעבונג ווי לערנען, שפּילן, קולטורעלע אַרבעט, אינגלמיידל באַציאונגען וואָס זיינען אַלע פֿריער צוזאַמען דערפֿילט, געוואָרן אין דער סביבה פֿון דער שול, זיינען צעבראָכן געוואָרן אין די באַזונדערע עלעמענטן און האָבן געמוזט דערפֿילט ווערן באַזונדער אין פֿאַרשיידנאַרטיקע אַטמאָספֿערעס.

אַזוי אַז כאָטש עס ליגט צווישן היינט־צו־טאָג און מיינע שול יאָרן אַ פּעריאָדע פֿון 5 יאָר — איז דאָך אַלץ זייער שטאַרק דער געפֿיל אַז דער איינפֿלוס פֿון דער שול איז אַזאַ פֿון וועלכן איך וועל זיך קיינמאָל ניט קענען אָפּשאָקלען — ער וועט מיט מיר אַלע מאָל פֿאַרבלייבן.

מענדל סילווערמאַן
19 יאָר.

די אידישע קולטור און די יוגנט

די פּסיכאָלאָגיע איז נאָך אַ נייע וויסנשאַפט, זי איז נאָך אין איר עמבריאָנישן צושטאַנד, אָבער זי האָט שוין באַשטימט טעאָריעס און פאַקטן וואָס זיינען אָנגענומען אין דער אינטעלעקטועלער און וויסנשאַפטלעכער וועלט. אַמשטאַרקסטן האָט זיך די נייע וויסנשאַפט פעסט באַזעצט אין טעאָריע און אין פּראַקטיק אין די פּראָגרעסיווע דערציערישע אינסטיטוציעס איבער דער וועלט, צווישן וועלכע מען דאַרף אָוודאי אַריינרעכענען די אידישע וועלטלאַכע שולן.

אונדזערע שולן זיינען געבויט אַף אַ געזונטן פּסיכאָלאָגישן באַזיס — די פאַרשפּרייטונג פון אידיש און אידישער קולטור צווישן די אידישע מאַסן. מיט אַט דעם מיטל ווילן מיר אָפּשוואַכן די אַסימילאַציע וואָס וועט, ווען מען וועט זי לאָזן, וואַקסן ווי אַ ווילד גראָז צווישן די בלומען און דערהאַרגענען דאָס וואָס איז אונדז ליב און טייער.

מיט דעם מיטל גייען מיר צום טיש. די אידייע דריקט זיך אויס אין עטלעכע שאַטירונגען און יעדע שאַטירונג האָט איר באַשטימטן צוועק. פון און אַרום די שולן האָבן זיך אויסגעבויט געוויסע אָרגאַניזאַציעס וואָס דערפילן געוויסע פונקציעס פאַר געוויסע מענטשן. די שולן אין זיך האָבן צו טאָן מיט דער עלעמענטאַרער דערציאונג פון דעם קינד. דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט באַדינט די עלטערן, די לייענקרייזן — די פרויען, די קולטור געזעלשאַפט דעם אַלגעמיינעם עולם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אידישער קולטור. אַלע די אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען זייער אייגענעם ווינקל אין דער אידישער וועלט.

די מענטשן וואָס באַטייליקן זיך אין זייערע טעטיקייטן קאָנען זיך אויסלעבן אין די ראַמען פון דער אָרגאַניזאַציע סאָציאַל און אינטעלעקטועל. פּסיכאָלאָגיש פאַרנעמען די מענטשן אַ וויכטיקן אָרט בא זייער אָרגאַניזאַציע און בא אַנדערע אין די אויגן.

אָבער ווי האַלט עס מיט דער יוגנט? קאָנען די עקזיסטירנדיקע קולטור אָרגאַניזאַציעס פאַרענטפערן די נויטן און פּראָבלעמען פון אונדזער אידישער יוגנט? וואו זיינען די קלובן, די קלאַסן, די פאַרווײלונגען פאַר אונדזער יוגנט?

פּסיכאָלאָגיש קאָנען אונדזערע קולטור אָרגאַניזאַציעס בלויז צופרידנשטעלן אונדזערע עלטערע מענטשן. דאָ קאָנען זיי זיך צוזאַמענקומען, פאַרברענגען און אַרבעטן פאַר דעם אידעאַל אין וועלכן זיי זיינען אַף אַן עמעס איבערצייגט.

אין די שולן באַווירקט מען מער אָדער ווייניקער די קינדער מיט דעם אידישן קולטור געדאַנקענגאַנג און אידעאַל. ווען די קינדער ווערן עלטער, ווען זיי קאָנען שוין טראַכטן פאַר זיך אַליין איז פאַר זיי שווער צו דערזען און באַנעמען דאָס וואָס מען האָט צו זיי געפּריידיקט אין די אינגערע יאָרן, סיידן זיי זעצן פאָר אַף אַן אייגענעם שטייגער די דערנענטערונג צו דער אידישער קולטור.

פּסיכאָלאָגיש איז יוגנט פול מיט צווייפל און מאַטעריאַליסטיש געניגט. דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס מען קאָן ניט זען אָדער אָנטאַפּן מיט די הענט, דאָס איז ניטאָ אַף דער וועלט. אַסימילאַציע איז מערסטנטייל אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע באַוועגונג און אַף צו באַנעמען זי און באַקעמפן ווי געהעריג דאַרף מען גוט קאָנען געשיכטע און האָבן אַן הינטערבליק אין דער פאַרגאַנגענהייט.

אידישע יוגנטלאַכע, אין עלטער פון 16 און ווייטער, האָבן דאָס ניט און אויב זיי האָבן דאָס טיילווייז יאָ קאָנען זיי זיך נישט פאָרשטעלן ווי עס קאָן זיי באַאיינפלוסן אין די קומענדיקע יאָרן.

איר וועט מיך פרעגן: איז עס דען ניט עמעס אַז די קאָמוניסטן, די ציאָניסטן און אַנדערע פּאַרטייען אַף דער אידישער גאַס אַרבעטן ניט אין זייער פונדאַמענטאַלן צוועק אין דער זעלבער ריכטונג ווי מיר אידישע קולטוריסטן? היינט פאַרוואָס האָבן זיי אַזאַ שטאַרקע יוגנט-באַוועגונג! דער ענטפער ליגט אין דעם צווייטן שטריך פון דער יוגנט-פּסיכאָלאָגיע, דאָס איז דער מאַטעריאַליסטישער שטריך אין זייער געדאַנקענגאַנג. ביי די דערמאָנטע פאַרטייען האָבן די יונגע עפּעס קאָנקרעטס: בא די קאָמוניסטן — בירא בידזשאַן, בא די ציאָניסטן — פּאַלעסטינע. אָט דערפאַר זיינען זייערע באַוועגונגען מער דערפאָלגרייך.

מיר וואָלטן זיך זייער שטאַרק באַדאַרפט פאַרטראַכטן ווי מיר קאָנען אויסבעסערן אונדזער באַוועגונג מיט דעם וואָס מיר וועלן אריינברענגען און דערנענטערן די יוגנט צו זיך. קיין קאָנקרעטע אייצע בין איך ניט בעקוויאַד צו געבן, אָבער פון אייך, קולטור טוער, דערוואַרט איך אַ קלאָרן ענטפער.

דאָבע איזראַעל
21 יאָר.

די ראָלע וואָס די שול האָט געשפּילט פאַר מיר

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס ערשטע מאָל ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ קלאָס אין דער אידישער שול.

אין קלאָס זיינען געזעסן נאָך תּלמידים, און אין די אויגן פון די קינדער האָט געשיינט אַ שטראַל ליכט — אַ געוויסע נייגע־ריקייט צו לערנען אידיש. ווען איך דערמאָן זיך יעצט וועגן דעם, שטעל איך זיך פאָר אַז דער אינטערעס איז געווען דער זעלבער ווי צו אַ נייער צאַצקע און ווי אָט די צאַצקע קען טאַנצן.

איך האָב דאַמאָלט געהאַט בלויז איין אַמביציע — צו קענען שרייבן און לייענען אידיש. און אַזוי שנעל ווי איך האָב געקענט צוזאַמענשטעלן אַז "א" און אַ "ב" און פון זיי געקענט מאַכן אַ וואָרט, האָב איך געמיינט אַז דאָס איז אַלעס וואָס איך וויל און קען דערוואַרטן פון דער שול. אָבער ניין — דאָס איז בלויז געווען דער מיטל אויף צו פאַרשטיין אַנדערע זאַכן. וואָס מער איך האָב גע־קענט לייענען און שרייבן, אַלץ מער האָב איך דערפילט אַז איך וויל עפּעס מער, עפּעס טיפער פון דער שול. איך האָב דאַמאָלט באַשלאָסן אַז איך מוז עפּעס געפינען אין דער שול אַחוץ דעם לייע־נען און שרייבן.

איך האָב דעם געפיל נישט פאַרשטאַנען, און איך פאַרשטיי אים יעצט אויכעט נישט — נאָר איך האָב דערפילט אַז איך בין אַ טייל פון שלום עליכם'ס "מאָטל פייסי'ס" — אַז איך בין אַ טייל פון שלום אַש'ס דראַמאַטישע ווערק — איך האָב דערפילט אַז איך בין אַ טייל פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, — אַז איך

פארשטיי יעצט בעסער מיינע עלטערן און זיי פארשטייען מיך בעסער.

אומשטענדן האבן מיך ווייט אוועקגעפירט פון דער שול דער־ציאונג.

ס'איז אבער א שאנדע אז ווען די תלמידים פארלאזן די שול, פארגעסן זיי אלעס וואס די שול האט זיי געלערנט און וואס דאס האט פאר זיי געמיינט.

איך האב גראדואירט מיט נאך פופצן שילער. איך וואונדער זיך יעצט צו איינער פון אונדז "זעכצן" האט עפעס אויפגעטאן און עפעס באוויזן אפן געביט פון אידיש.

איך אליין שעם זיך צו זאגן אז מיט מיין גרויסער אמביציע האב איך גארנישט אויפגעטאן אכוץ צו קענען שרייבן מיין מאמען א בריוו און קענען איבערלייענען איר בריוו.

איך האב פשוט פארגעסן דאס אידיש ווארט. נאר ווי איך האב פריער געשריבן, באשולדיק איך די אומשטענדן. אויב עס געפינט זיך איינער פון די "זעכצן" וואס האט טאקע עפעס באוויזן אויפצוטאן אף אידיש, איז די אידישע שול דערפאלגרייך.

איך באשולדיק נישט די אידישע שול, נאר די תלמידים אליין.

פאר די עלטערן וואס ווילן אז זייערע קינדער זאלן פארבלייבן א טייל פון דעם אידישן לעבן, און ווילן אז זיי זאלן זיך בעסער קענען פארשטיין, פאר די וואס ליבן דאס אידיש ווארט און ווילן דאס פרעזערווירן — פאר די אלע מוזן די אידישע שולן פאר־בלייבן א אינסטיטוציע — א מאנומענט אין דעם אידישן לעבן.

אפילו אויב איך האב פארגעסן מיין גראמאטיק און מיין וואקאביולאר — איז אבער דאך פארבליבן א געוויסער געפיל אין מיין הארץ און איך וועל די אידישע שול און איר ראלע אין מיין לעבן קיינמאל נישט פארגעסן.

צו דער פייערונג פון דעם צענטן יובילײ פון די שלום עליכם שולן ווינטש איך זיי גליק און דערפאלג; איך פיל זיך געשעצט צו האבן געהאט א ראלע און א טייל אין דער שול.

די שול מוז נישט שטארבן — די שול מוז פארבלייבן א טייל פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע.

עוזר מילער
19 יאָר.

די היים און די שול אין מיין לעבן

מיט יאָרן צוריק ווען איך האָב געלערנט אין סקול פֿלעג איך זיין איבערראַשט פֿון דער צאָל אידישע קינדער וואָס האָבן זיך גאָרניט געשעמט צו רעדן אידיש אומעטום אין גאַס, אין טעאַטער, אין סטאָס וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט. היינט אָבער רופֿט מען מיך אַגיטאַטאָר וואָס וויל פֿאַרדאַרבן יעדע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער איך געהער, מיט דיסקוסיעס וועגן אידישע איניאַנים. היינט בין איך איבעראַשט פֿון דער צאָל אידישע יוגנט וואָס כאַטש זיי זיינען דער ערשטער דאָר נאָך די אימיגראַנטישע אייראָפּייאישע אידן, ווילן זיי ניט וויסן פֿון קיין פּיצל אידישקייט אין אַ וועלכער עס איז פֿאָרם.

אַז איך טראַכט וועגן דעם וואָס דאָס רעדלען פֿונעם מעכאַניזם אין מיין געדאַנק איז פֿאַרקערט ווי באַ אַנדערע, "מיט די פֿיס אַרויף און דעם קאָפּ אַראָפּ". קום איך צום באַשלוס אַז דאָס איז צוליב דריי סיבעס: צוליב מיין אַטמאָספֿערע, צוליב די אידישע שולן און צוליב די ראַדיקאַלע געדאַנקען מיט וועלכע איך בין דורכגעדרונגען. איך האָב ניט קיין נאָמען פֿאַר דער לעצטער סיבע, אָבער איך וויים אַז איך בין אַ קעגנער פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿטלאַכער סיסטעם.

דער ראַדיקאַליזם גייט באַ מיר האַנט אין האַנט מיטן נאַציאָנאַליזם. איך לייען אָפֿט אין די ראַדיקאַלע זשורנאַלן אָפּהאַנדלונגען וועגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט מיך שטאַרק אַנגערירט און ווייַ געטאָן. איך האָב באַטראַכט די גאַנצע זאַך ווי דער איך איז אין אַ ביטערער לאַגע, און עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט און הייליקייט צו אידיש און אידישער קולטור.

ווען איך האָב געלייענט וועגן "די אָרדער און 76", וועגן די הויכגעשעצטע אַמעריקאַנער געשעפֿטלייט וואָס ווילן אויסראָטן די אידן, און איך האָב נאָך אויך געלייענט אַז רייכע "אַנגעזעענע"

אידן געבן געלט פאַר די אנטיסעמיטישע צוועקן — האָט מיין בלוט גענומען קאָכן, מיין געדאַנק — רוישן, און איך האָב באַשלאָסן צו טאָן אַלץ וואָס איך וועל נאָר קאָנען צו באַקעמפן דעם אנטי־סעמיטיזם, צו איבערצייגן מיינע פריינט אַז אַזאַ געפאַר עקזיס־טירט. קיין גרויסע זאַכן קאָן איך, אַלס יאָכיד, ניט אויפטאָן. אָבער איך האָב אנגעהויבן, ווי מען זאָגט אַף ענגליש, אַ "וויספּערינג קאַמפּיין" וואָס האָט זייער גוטע רעזולטאַטן, די מיט וועמען איך האָב גערעדט, זיינען פריער אינגאַנצן פרעמד געווען צו אידישע פראַגן, און איצט פאַרפירן זיי אַליין אַלע זייערע געשפּרעכן אַף אידישע איניאָנים.

מיין טיפער אינטערעס אין די אידישע פראַגן נעמט זיך דער־פון וואָס איך האָב געלערנט אין אַ אידישער שול. אין דער אידי־שער שול האָב איך זיך נישט נאָר אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אידיש. דורך דער שול האָב איך געלערנט דאָס אידישע לעבן, טירן האָבן זיך פאַר מיר געעפנט און אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר אנטפּלעקט. פאַר אַכט יאָר צייט איז דאָס געווען מיין גאַנץ לעבן. איצט איז דער גייסט פון דער אידישער שול מיין ליכט און איך פיל אַז מיין שול־פּעריאָד איז געווען דער וועג־ווייזער אין מיין לעבן. (איך רעד שוין באַלד ווי אַ זקן מיט פיל יאָרן הינטער זיך!).

און געלערנט אין דער אידישער שול האָב איך צוליב מיין היים־אַטמאָספערע. מיינע עלטערן האָבן געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלן כאָטש זיך איינלערנען אין זייער סוויווע, אויב זיי קאָנען זיך ניט איינלעבן אין דעם. איך דענק אַז איך האָב זיך אי איינגעלערנט און אי איינגעלעבט. איך בין שטאָלץ דערמיט און איך וועל קעמפן מיט מיין לעבן דערפאַר. דער פונק דערצו איז געקומען פון מיין היים, דאָס פייער אבער האָט זיך צופלאַקערט אין דער אידישער שול.

שרה וועקסלער
19 יאָר.

מיינע זיכרוינעס פון די שלום עליכם שולן

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג אין דער ערשטער וואָך פון מיין זומער וואַקאַציע. אַלע מיינע כאַווערטעס זיינען אין דרויסן און שפּילן באַל און די מאַמע פירט מיך אַוועק אין דער אידישער שול. איך באַשליס באַ זיך אַז איך וועל זיין אַזוי שלעכט אַז דער לערער וועט מיך אַרויסוואַרפן פון קלאַס.

מיר קומען צו צו אַן אַלטער הויז. אַ גרויסער אינגל מיט אַ רויטן פּאָנים שטייט אין דרויסן — ער דערציילט אונדז אַז דער לערער וועט באַלד אָנקומען. איך פריי זיך עפּשער וועט די מאַמע זיין צו מיד און וועט ניט וואַרטן פאַרן לערער. די מאַמע איז זייער גוטמוטיק היינט און מיר וואַרטן. אַ מאַן מיט אַ אינגל קומען אַן, דער רויטער אינגל דערציילט נאָכאַמאָל אַז דער לערער וועט באַלד אָנקומען. זיי שטייען און וואַרטן מיט אונדז. דער אינגל איז יאַנקל מייזל, איינער פון מיינע שול-כאַווירים.

דער לערער קומט אָן. די שול איז אין אַ קעלער, און מיר גייען אַלע אַרונטער. די מאַמע דערציילט דעם לערער אַז איך קען אַביסל לייענען אידיש. און ציינט אים אַ בוך פון, וועלכן איך האָב שטודירט. אין דעם בוך האָב איך אַ באַליבטע מעשה וואָס איך קען לייענען זייער פליסיק. פון שטענדיק לייענען די מעשה איז דאָס בוך אַזוי איינגעקנייטשט אַז סע עפנט זיך אַלעמאָל אַף דעם בלעטל אויף וועלכן די מעשה געפינט זיך. דער לערער אַלעקסאַנדער נעמט דעם בוך און עס עפנט זיך דאָס מזלדיקע בלעטל. איך לייען אָן אַ טאָעס.

אַלעקסאַנדער זאָגט אַז דערפאַר וואָס איך בין אַזוי יונג, וועל איך מוזן זיין אין ערשטן קלאַס — אָבער דערפאַר וואָס איך קען אַזוי גוט לייענען, וועל איך זיין אין דעם העכערן קלאַס אויך... צווייענדיקע צאָרעס.

פּאָר אַ יאָר צייט איז אַלעקסאַנדער דער לערער. אַלעקסאַנדער איז אַ קאָמוניסט און אין העכערן קלאַס קענען מיר די פּאַריזשער קאָמונע אויסענווייניק.

פון דעם קעלער קלייבן מיר זיך אין א הויז מיט צעבראכענע טרעפ.

* * *

די שלום עליכם שולן האבן א רעארגאניזאציע. און עם גרינ־דעט זיך דער שלום עליכם פאלקס אינסטיטוט. מיר האבן א נייעם לערער פינקעלשטיין. מיין שול, שול נומער 1, קלייבט זיך איבער נאך אמאל אויפן צווייטן שטאק איבער א "בוטשער שאפ". פינ־קעלשטיין איז א שטרענגער מענטש און די קינדער האבן מוירע פאר אים.

פינקעלשטיין איז אונדזער לערער פאר א יאר און אז מיר קומען צוריק נאך וואקאציע, האבן מיר א נייעם לערער פאמעראנץ, אדער ווי מיר רופן אים "פאמי". פאמי וויל פון אונדז מאכן מענטשן. איצט הויבט אן די שול אן אן עמעס צו לעבן און אין איר געפין איך מיין גאנצן לעבן. די שענסטע זיכרוינעס פון מיין לעבן געפינען זיך אין דער פעריאדע.

אין מאי 1930 גראדואירן די ערשטע זעכצן קינדער פון די שלום עליכם שולן.

* * *

ס׳איז איצט זעקס יאר אז איך האב גראדואירט. די שול אין מיין איצטיקן לעבן איז א פרעמדע און נישט נויטיקע אינסטי־טוציע. און דערפאר זאג איך אז זי האט נישט פולשטענדיק דער־פילט איר ציל. איך האב זעקס יאר געלערנט אידיש און היינט האב איך אפילע נישט קיין קליינעם אינטערעס צו לייענען שלום עליכם׳ן אדער פרץ׳ן. איך פיל קיינמאל נישט אז איך קען זיך אינגאנצן אויסדריקן אף אידיש. די שפראך אידיש איז נישט קיין טייל פון מיין לעבן.

די אידישע פאלק שולן פארנעמען זיך צו מאכן ראדיקאלע אידישיסטן פון זייערע תלמידים. זי פארגעסט אינגאנצן אין דעם תלמוד און אין דער תורה — וואס זיינען די אידישע באשטייערונג צו דער וועלט קולטור. זי פאראינטערעסירט בלויז אין דער לי־טעראטור פון די לעצטע 75 יאר. זי מאכט דעם אידישן אויסקוק זייער א קליינעם; זי גיט זייער א שמאלע מיינונג וועגן דעם אידן.

די אידישע שולן מוזן איינשליסן. אין זייער לערן פראגראם די גאנצע אידישע קולטור און מוזן גיבן א מער זיכערן ענטפער אין וועלכער ליניע דער שיקזאל פון דעם אידישן פאלק ליגט.

איך דאנק די שלום עליכם שולן פאר מאכן מיין קינדהייט שענער און רייכער. און איך האף אז זיי וועלן פארגרעסערן זייער פראגראם, אזוי אז זיי זאלן נישט פארגעסן אז ווען די קליינע קינדער ווערן גרויסע קינדער, זאלן זיי האבן מער און טיפער וויסן.

חיים מילער
19 יאר.

די אידישע שול און איר ווירקונג

דורך די אלע יארן וואס איך בין געווען א שילער אין דער ש. ע. שול, האט די שול געהאט אף מיר אן איינפלוס וואס האט נעווירקט אף יעדן ווינקל פון מיין לעבן. וואוהין איך גיי נאר, וואו נאר איך טרעט, קומט די שול נאך. צי איך וויל אדער וויל ניט מוז איך איבערגעבן דער שול א טייל פון מיין לעבן.

און ווען איך פרעג זיך אין וואס באשטייט אט דער איינפלוס, קען איך ניט אנווייזן אף דער זאך און יענער זאך וואס האט געהאט א ספעציפישע ווירקונג אין א ספעציפישער לאגע. מער פון אלץ האט זי געהאט אן אלגעמיינעם איינפלוס איבער מיינע געדאנקען און איבער מיין באנעמונג צו אלע פראגן וואס בארירן מיך.

ווען איך אנאליזיר איצט די שול, געפין איך אז זי האט געהאט זייער פיל עלעמענטן. דארטן האב איך געלערנט די אידישע שפראך —צו לייענען, צו שרייבן און צו רעדן. אויכעט האבן מיר געלערנט אידישע געשיכטע און א ביסל אידישע ליטעראטור. דאס זיינען אלע קאנקרעטע זאכן וואס די שול האט מיר געגעבן.

אבער אז איך קוק זיך אן היינט, זע איך אז צופיל פון די קאנקרעטע זאכן איז ניט געבליבן מיט מיר. פארשטיין ווען עמיצער רעדט צו מיר, פארשטיי איך אממערסטן, אויב ניט אין גאנצן; אבער ענטפערן איז שוין אנאנדער מעשה. דאס קומט אז מיר

פיל שווערער. ווען עס קומט צו לייענען און שרייבן איז עס ניט אזוי שווער, אבער אויך האב איך שוועריקייטן מיט'ן וואקאבולאר. געשיכטע אין אלגעמיין האב איך געהאט זייער ווייניק ליב פריער און אלץ וואס איז מיר געבליבן איז א געמיש פון עפאכן און גע־שעענישן.

מיין וויסן פון דער קלאסישער אידישער ליטעראטור איז א ביסל בעסער. עפעס געדענקט זיך פון "מאטל פייסי דעם חזנס", פון "א מעסערל"; אויך וועגן דעם "גולם" און "דיבוק" צוזאמען מיט מענדעלי מוכר ספרים און שלום אש און עטלאכע אנדערע.

אבער די שול האט געהאט א מער וויכטיקע ווירקונג ווי די עקסטערנאלע לערנונגען. אויב איך קען ניט חבר זשיטלאווסקי'ס ווערק, קען איך דאך אריינקומען אינם ש. ע. אינסטיטוט און פילן זיך ווי אן אייגענער, אף א באנקעט וואו מע זינגט די אלע אידישע לידער און טאנצן א שערעלע; דאן ערשט פיל איך וואס עס מיינט צו זיין איינער פון די וואס זיינען אויסגעהאדעוועט געווארן אונטערן דאך פון דער שלום עליכם שול.

מיד פארדריסט נאר פארוואס די שול האט ניט געהאט קיין טיפערע ווירקונג, און פארוואס איך בין אויפגעוואקסן אין א קולטור אין וועלכער אידיש עקזיסטירט נישט. און דאס איז דער איקער פון דער פראבלעם: די שול האט ניט קיין פארבינדונגען מיט די אנדערע זאכן אין לעבן. די שול איז ניט קיין גרינדלאכע אינס־טיטוציע אין אונדזער לעבן, ווען אפילע די קינדער אין שולריידן צווישן זיך אין קלאס ענגליש, דארף מען ניט איבערראשט זיין, ווייל די זעלבע קינדער נוצן קיינמאל ניט קיין אידיש אין לעבן. די שול איז ניט קיין אינטעגראלער טייל פון אונדזער לעבן.

ווען איך פארטראכט זיך אף דעם, זע איך פאר זיך נאר די עקסטינקציע פון דער אידישער שול. דאס איז די גרויסע פראבלעם.

בלומע מילער
17 יאר.

מיין אידישע דערציאונג

די שלום עליכם שולן האבן א ספעציעלן ווינקל בא מיר, ווייל אין די שולן האב איך געבויט דעם פונדאמענט פון מיין גאנצער

אידישער באַציאונג. ווען ניט די שולן, וואָלט איך מיסטאָמע פאַר־געסן דאָס ביסל וואָס איך האָב געקענט.

ענגליש איז בײַ מיר געווען אַן אויסלאַנדישע שפּראַך און אַזוי שנעל ווי איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין סקול האָב איך געוואָלט רעדן נאָר ענגליש. מײַנע עלטערן האָבן געוואָלט אַז איך זאָל אָנ־גיין מיט מײַן אידיש, האָבן זיי מיך געשיקט אין דער שלום עליכם שול.

אין די אידישע שולן האָט מען געדאַרפט רעדן אידיש. דאָן האָב איך פאַריבל געהאַט ווײַל איך האָב געוואָלט רעדן ענגליש. איצט קאָן איך פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס איז נויטיק געווען.

ביז ניט לאַנג האָב איך גוט און פלינק געקאָנט לייענען. רעדן רעד איך ביז היינטיקן טאָג גוט אידיש.

ווען איך האָב געלערנט אין די שולן פלעגן פרעמדע מענטשן וואָס האָבן מיך געהערט רעדן זיך וואונדערן און פרעגן ווי לאַנג איך בין דאָ אין אַמעריקע. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט גלויבן אַז איך בין דאָ געבוירן געוואָרן.

די שולן האָבן מיר געגעבן אַ שעצונג פון אידישע שרײַבער וואָס איך וואָלט אַנדערש ניט געהאַט. מיר האָבן געלערנט וועגן פּרץ, מענדעלי, הירשביין, אַש און אַנדערע און געלייענט טיילן פון זייערע ווערק. אַן דעם אינסענטיוו פון דער שול ווייס איך אַז איך וואָלט די ביכער ניט געלייענט און זיך ניט פאַראינטע־רעסירט מיט די שרײַבער.

מיר האָבן אויך געלערנט אידישע געשיכטע. אין די קלאַסן האָב איך געקראָגן דעם הינטערגרונט צו דעם וואָס איך ווייס איצט וועגן דער לאַגע פון די אידן. אַן דעם הינטערגרונט וואָלט מיר געווען אַביסל שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס פּאָגראָמען ווערן גע־מאַכט אויף די אידן אין די פאַרשידענע לענדער און פאַרוואָס זיי האָבן ניט זייער אייגן לאַנד.

זינט איך בין אַוועק פון די שולן, האָב איך ניט קיין סאַך מער געלערנט וועגן די זאַכן, אָבער דאָס וואָס איך האָב גע־לערנט, געדענק איך.

יצחק ראָזנפעלד
18 יאָר.

מיין אנטוישונג אין דער אידישער שול

די גאַנצע פילאָסאָפיע פון דעם אידישן שול־סיסטעם איז טיף איינגעוואָרצלט אין דעם פאָלקסטימלאַכן זעלבסטשוץ געפיל. אַ פאָלק איז אַלעמאָל שטאָלץ. אבער אין דער שטאָלצקייט געפינט זיך איין דעליקאַטער און צערטלאַכער פונקט — די פאָלקס קולטור. יעדעס פאָלק איז בא זיך דאָס אויבערשטע, דאָס גאָט געגעבענע. יעדעס פאָלק איז בא זיך די "אויסגעקליבענע ראַסע", דאָס טעלער'ל פון הימל און דעריבער ווערט שוין אויך יעדע פאָלקסקולטור אין דעם פאָלקס באוואוסטזיין — די שענסטע באַדייטונגפולסטע קול־טור אין דער וועלט. דער דאָזיקער פעלקער־שטאָלץ ווערט אנגערופן בא די סטודענטן פון סאָציאַלער וויסנשאַפט — עטנאָ־צענטריזם, ד. ה. קולטורעלער שאָוויניזם.

דער קולטורעלער שאָוויניזם איז אבער ניט צום באַדויערן. אין אַ געוויסן זין איז ער אומפאַרמיידלאַך און אַלוועלטלאַך. פאַר־וואָס אבער געפינט ער זיך צווישן אַלע פעלקער־קולטורן?

ערשטנס, איז דער עטנאָצענטריזם אַ געזונטער אויסדרוק פון דער גייסטיקער ענערגיע פון דעם פאָלק, ער רופט אַרויס זיינע שאַפנדיקע קרעפטן. וועט מען מיר אבער דערמאָנען דייטשלאַנד מיט איר היטלעריסטישן עטנאָצענטריזם. איז דאָס אָבער גאַרניט קיין פאָלקס־אויסדרוק. דער נאַציזם איז אן איינגערעדטע און אן אַרויפגעצוואונגענע זאַך. אין דייטשלאַנד איז איצט ניט קיין עטנאָצענטריזם, נאָר פאַטאָלאָגישער כוליגאַניזם וואָס האָט אונטער זיך ניט קיין קולטורעלע אבער פאָליטישע און עקאָנאָמישע מאָטיוון.

דער געזונטער עטנאָצענטריזם איז שטאָלץ און אומפאַרשעמט שאָוויניסטיש. ער ווייסט אַז זיין פאָלק איז זיכער, שטאַרק, און שאַפנדיק. ער רעדט ניט וועגן "אויפהאַלטן די קולטור", אים איז גענוג צו מאַכן אַ פייג דער גאַנצער וועלט און פאַרשליסן די טירן.

עס איז אבער אויך פאַראַן אַן אנדער עטנאָצענטריזם, וואָס איז שטילער, מער ציוויליזירט העפלאַך און דערעכערעצדיקער. ער דערלאַנגט ניט קיין פייגן דער גאַנצער וועלט נאָר האָט איין גע־

בעט: "האָט ראַכמאָנעס, לאָזט ניט שטאַרבן אונדזער קולטור."
דאָס איז דער עטנאָצענטריזם פון אַ פאָלק וועמעס קולטור האַלט ביים שטאַרבן. דאָס איז דער עטנאָצענטריזם פון די קולטור באַוואוסטזיניקע אידן און פון "האָט ראַכמאָנעס" איז די גרונט פילאָסאָפיע פון די אידישע שולן.

II.

די אידישע שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן מיטן צוועק צו פאַרשפרייטן די אידישע קולטור. אָבער דאָס איז דאָך אָפּגערעדט. ווי קענען זיי דאָס טאָן אַז זיי זיינען די איינציקע פאַרטרעטער פון דער אידישער קולטור? און ווי וויט קאָן דאָס פאַרשפרייט ווערן אַ קולטור וואָס ציטערט יעדן מאָנאַט און דאַרף גיין באַרגן אַף דירע־געלט? בלייבט נאָר איין צוועק — ראַטעווען די אידישע קולטור. דאָס איז אונדזער עטנאָצענטריסטישער דראַנג.

נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז די אידישע שולן קאָנען ראַטעווען די אידישע קולטור, שטעלט זיך די פראַגע צו איז די אידישע קולטור ביקלאַל ווערט אַז מען זאָל זי ראַטעווען? וואָס פאַר אַ פאַרלוסט וואָלט די וועלט געהאַט ווען די אידישע קולטור וואָלט פאַרשוואונדן? זייער אַ קליינעם. אָט זיינען די גרויסע קולטורן פון אַמאָליקע גריכן, רוימער און כינעזער אויך אונטערגעגאַנגען און עס איז גאָרניט געווען קיין קאַטאַסטראָפע. עס ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז דאָס איז אַ נאַטירלאַכער פּראָצעס אין דער וועלט געשיכטע. וויבאַלד אַזוי, וואָס זשע קאָנען אונדזערע העלדן, די אידישע לערער טאָן אַף אָפּצושטעלן אַזאַ נאַטירלאַכן פּראָצעס.

אונדזערע קולטורעלע האָפענונגען ליגן מיר אַף אונדזערע קינדער. די טעאָריע איז אַז וואָס פריער מיר וועלן זיי אַריינעמען אין אונדזערע שולן אַלץ בעסער וועלן מיר זיך פאַרהיטן פונעם גויאישן גאַסן־וואָלף אַז ער זאָל ניט איינשלינגען זייער אידישקייט. אָבער דער הונגעריקער גאַסן־וואָלף וועט ניט אַזוי לייכט פאַרלירן זיינע קאָרבאָנעס. אַף אויסצומיידן דעם גאַסן־איינפלוס וואָלט געווען נייטיק צו פאַרשפאַרן דאָס אידישע קינד אַזוי גיך ווי נאָר די מוטער האָט עס.

דער גאַסן־איינפלוס איז אָבער צו שטאַרק. דאָרט אין גאַס ליגט די צוקונפט, דאָס סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לעבן. די אידישע

קינדער דארפן דאך מאכן א לעבן און דערפאר מוזן זיי זיך אריינ־לעבן אין דער אמעריקאנער סוויווע און ווערן גלייך מיט אלעמען.

קעגן דעם קאנען די שולן ניט קעמפן. אידישע קינדער זיינען אידן אף אזוי ווייט נאר ווי זיי האבן אידישע עלטערן. אידישקייט איז צו ווייט פון דער טעגלאכקייט, פון דעם אמעריקאנעם לעבן און קאן ניט האבן קיין איינפלוס אף די שול קינדער. ווי לאנג נאך זיי גייען אין שול איז זיי טייער דאס אידישע לעבן און זיי זיינען שטאלץ דערמיט, אבער ווי נאר זיי גראדואירן פון די שולן ווערט דער גאנצער אידישער איינפלוס פארגעסן, פארטריבן ווי א כמארע פון דעם ווינט. דאס קינד ווערט אוים איד; ער ווערט א מענטש מיט אלע מענטשן גלייך. ער ארבעט מיט אלעמען אין פאבריק אדער אין קראם, ווערט א דאקטער אדער א לאיער און פארלירט דעם צובונד צו זיין פריערדיקער אידישקייט.

III.

די אידישע שולן ווילן באשאפן א טיפ אידן, בא וועמען דער אידישער באוואוסטזיין איז איבעראנטוויקלט; א טיפ איד וועלכער קאן זיך ניט רירן אן א דעמאנסטראציע פון אידישקייט, וועלכער צווינגט ארויף זיין אידישקייט אויף זיך, אויף זיינע קינדער און אויף דער וועלט. די אידישע שולן רעגן אויף דעם אידישן באַ־וואוסטזיין אף אזא מין אופן.

א קולטור וואס שטייט אויף אזא מין בנין שאקלט זיך און מוז פאלן. די אידישע שולן האבן ניט דעם ריכטיקן צוגאנג צו דער גאנצער פראבלעמע. אנשטאט פרובירן מאכן א פאראייניקונג צווישן דעם אידן און דער וועלט, שטעלן די שולן דעם אידן אף א באזונדערן גראד, אז ער מוז קעסידער "קעמפן פאר זיין אידישקייט." אנשטאט פארקלענערן דעם גאנג פונעם אידן צו דער וועלט, פארגרעסערן אים נאך די שולן אף אזוי פיל אז עס שאפט זיך א קליינער טיפ פאנאטיקער — א וואונד אין דעם מענטש־לאכן גייסט.

אזעלכע מענטשן קאנען ניט שאפן קיין שטארקע לעבעדיקע קולטור.

מיר זיינען נאך ניט איינגאנצן פארלוירן. אלס א קולטור האלטן מיר עפשער באם שטארבן, אבער אלס א פאלק עקזיסטירן מיר

נאָך און עפשער וועלן מיר קאָנען גרינדן אַ וועלטלאַכע קולטור, ניט קיין איזאָלירטע. דער שאַפנדיקער גייסט רייסט זיך שטענדיק צו דער גרויסער וועלט און צו דער מענטשהייט, איבערשאַפנדיק דעם עטנאָצענטריזם און דערגרייכט זייער אַ הויכע שטופע וואו אַלע מינדערוויכטיקייטן פון פאָלק און פון לאַנד פאַרשווינדן, און דער גייסט בלייבט פריי און ברענגט אַלע זיינע שאַפנדיקע קויכעס צו דער אייביקער מיסטעריע פון דעם מענטשלאַכן שיקזאַל.

אַן אומזיסטע אַנטוישונג.

(ראַזנפעלדן אַ ענטפער)

אויפגעברויזט איבער ראַזענפעלדס שאַרפער און ניט באַרעכטיקטער אַטאַקע אף דער אידישער שול און קולטור האָט די רעדאַקציע געבעטן עליען אַז ער זאָל אים ענטפערן. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט אַ קורצן ענטפער.

די רעדאַקציע.

ראַזנפעלדס גרעסטע אוולע ליגט אין דעם וואָס ער האָט נישט אין גאַנצן דורכגעטראַכט די אידיש פּראָבלעם. צוליב דעם קאָן ער, צום באַדויערן, נישט האָבן דעם עמעסן באַגריף פון דער אידישער שול און דעריבער ווידערשפּרעכט ער זיך אַזוי אָפט.

ראַזנפעלד פאַרטייטשט עטנאָצענטריזם אַלס „קולטורעלער שאָוויניזם". דאָס איז נאָר טיילווייז עמעס. קולטורעלער שאָוויניזם איז אַ שעדלאַכער און נעגאַטיווער שטריך פון עטנאָצענטריזם. און דערפאַר מוז מען אָפּהיטן אַ קולטור אַז זי זאָל ניט אַריינפאַלן אין דער קאַטעגאָריע. ווען קולטור ווערט גענוצט אַלס נעגאַטיווער מיטל ווערט זי אויס קולטור. ראַזנפעלד אַליין זאָגט אַרום דעם געדאַנק ווייטער אין די ווערטער: „עטנאָצענטריזם איז אַ געזונטער אויסדרוק פון פאָלקס גייסטיקער ענערגיע", לויט זיין פריערדיקער אויסטייטשונג, זיינען די נאָר וואָס דערמאָנטע ווערטער אַ ווידערשפּרוך.

נאכדעם ווי ראָזנפעלד ווערט פאַרטיק מיט זיין ווידערשפּרעכ־לאַכער דיסקוסיע וועגן עטנאָצענטריזם זאָגט ער אַזוי: „די אידישע שולן זיינען באַשאַפן אפן „האט ראַכמאָנעס" פּרינציפּ". און ווייטער: „איז די אידישע קולטור ביקלאַל ווערט אַז מען זאָל זי ראַטעווען? אַט זיינען די גרויסע קולטורן פון אַמאָליקע גריכן, רוימער און כינעזער אויך אונטערגעגאַנגען. און עס איז גאָרניט געווען קיין קאַטאַסטראָפע".

ווי אַזוי גיט זיך דאָס ראָזנפעלד אַ זאָג אַז די גרויסע וועלט קולטורן זיינען אונטערגעגאַנגען דורך אַ נאַטירלאַכן פּראָצעס און סאיז גאָרניט געווען קיין קאַטאַסטראָפע? ערשטנס זיינען זיי ניט אונטערגעגאַנגען און צווייטנס, ווי וואָלט דאָס ניט געווען קיין קאַטאַסטראָפע, ווען עס זאָלן אונדז פעלן די פילאָזאָפיעס פון עפּי־קורייאוס, פון פּלאַטאָ, אַריסטאָטל און סאָקראַטעס; די כינעזישע קונסט, די גריכישע סקולפּטור און די רוימישע בויאונג. אויב זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט, וואָלטן דען ניט געווען קיין בלוטיקע לעבער אין דער וועלט קונסט?

אין זיין באַגריף וועגן אונדזער ראַכמאָנעס פילאָזאָפיע איז ראָזנפעלד אינגאַנצן נישט גערעכט. עפּשער טייטשט ער אויס אַז ווייל מיר טומלען נישט, זיינען מיר דערפאַר שוואַכלינגען וואָס בעטן ראַכמאָנעס. אויב באַווייזן העלדישקייט הייסט טומלען, וואָס זשע זאָלן מיר טאָן אַף צו באַווייזן ראָזנפעלדן אַז מיר בעטן בא קיינעם נישט קיין ראַכמאָנעס? אוועקשטעלן אידישע פאָנען אין אונדזערע צימערן און זינגען „התקוה" אָדער דעם „אינטערנאַציאָנאַל" יעדע שאָ אין טאָג?

און ווייטער איז עס עמעס אַז אונדזער איינציקער צוועק איז צו פאַרשפּרייטן נאָר אידישע קולטור? אונטער אונדזערע אומ־שטענדן האָבן מיר נאָך נישט די מעגלאַכקייטן אריינצודרינגען אין אַנדערע קולטורן. אָבער דאָך זיינען אונדזערע לימודים וועלטלאַכע און דורכגעדרונגענע מיט די שענסטע געפילן פאַר סאָציאַלן יוישער. מיר ווייסן ניט צי ראָזנפעלד ווייסט אַז אידישע קולטוריסטן שטרעבן מיט אַלע זייערע קויכעס צו גרינדן פּאָלטאָגיקע שולן געפירט אַף אידיש, וועמעס קוריקולום זאָל איינשליסן די גאַנצע וועלט קולטור

און געלערנט זאָל עס ווערן אין דעם הויכן גייסט און אין דער העכסט כּאָווערשער סוויווע מיט וועלכע אונדזערע שולן זיינען באַרימט.

ראָזנפעלד איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן פון אונדזער שול און דעריבער פאַלט ער אריין אין אַזעלכע פאַלשע דערקלערונגען אַז אין די שולן „שאַפט זיך אַ קליינער טיפּ פאַנאַטיקער — אַ וואונד אין דעם מענטשלאכן גייסט". דוכט זיך אַז יעדערער ווייסט, אַכוץ ראָזנפעלדן, אַז דער גייסט וואָס צייכנט אויס די אידישע וועלטלאכע שולן אומעטום איז די פרייהייטלאכקייט און אַנטי־פאַנאַטישקייט. אַ שאָד, וואָס ראָזנפעלד איז אַזוי פרי אַוועק פון דער אידישער שול. אָט דאָ זעען מיר ווי נייטיק אונדזערע מיטלשולן זיינען.

פאַר דער רעדאַקציע

עליע שווארץ.

אינהאלט

לויט די קינדער

א

יאָסל אדערבערג — מיין לעבן — 37

דאָבע איזראעל — די ראָל וואָס די שול האָט געשפּילט פאר מיר 122

רחל אימערמאן — מיין לעבן — 29

רחל אימערמאן — פרילינג (ליד) — 24

ב

מוצי בודין — ארום דעם פייער (ליד) — 76

סיני בלאנק — מיין לעבן — 17

מנוחה בן־עמי — וועגן זיך און דער שול — 117

עליזע בן־עמי — דער איינפלוס פון דער אידישער שול — 95

שולמית בן־עמי — מיין לעבן — 41

יאָסל בראָנשטיין — צען יאָר ש. ע. שולן, אכט יאָר מיין אידישע דערציאונג — 98

ג

יודל גינזבורג — די ערשטע און לעצטע וואָד אין קאונטרי — 64

דבורה גערטלער — מיין פריינדין — 60

חנה גערטלער — איך און די שול — 83

רחל גערטלער — די אידישע שול — 101

לייבל גרינשפאן — אונדזער רייזע קיין קאליפאָרניע — 70

ה

דבורה האפמאן — צעקרינגט מיט מיין כאווערטע — — — — — 65
יהודית האפמאן — א ווינטער נאכט — — — — — — — — — 68
לייוויק הארעקער — צען יאר לעבן — — — — — — — — — 108
יאסל מיישע הייליק — מיין לעבן — — — — — — — — — 61
גרשון העללער — ווער האט דאס אלץ געטאן — — — — — 15
גרשון העלער — מיין לעבן — — — — — — — — — — — 25
בלומע העלפער — די שלום עליכם שול — — — — — — — 66
פערל הענדלער — די ענגלישע און אידישע שול — — — — 58

וו

גרשון ווארן — די שלום עליכם שול — — — — — — — 74
חיים ווארן — די שול — — — — — — — — — — — 72
דבורה וויינער — מיין לעבן — — — — — — — — — — 46
מרים ווילקס — קינדער ארבעט (ליד) — — — — — — — 51
ביילע ווינאווסקי — די שול — — — — — — — — — 62
שלמה ווינעצקי — א קינד אין דער נאכט (ליד) — — — 28
שאול וועבער — דאס קינד (ליד) — — — — — — — — 36
שרה וועקסלער — מיינע זיכרוינעס פון די שלום עליכם שולן 126

ז

בינה זאלץ — די אידישע שול און די אידישע יוגנט — — 103

י

מאטעס יאשפע — די צושניטענע האנט — — — — — — — 71

ל

הערשל לאכמאן — מיין לעבן — — — — — — — — — 52
מאיר לאכמאן — א פארגלייך — — — — — — — — — 57
מרדכי לאכמאן — דער בעסטער וועג צו באווארענען דעם שלום
אף דער וועלט איז זיך צוצוגרייטן פאר מילכאמע — — 110
יואל ליבאוו — מיין לעבן — — — — — — — — — — 33
ברכה ליפמאן — ס'איז ניט שיין (ליד) — — — — — — 49

אברהם לימענעם — א חלום פון מינעסאָטע — — — — — — — 56
מרים לעווינסקי — די מויז (ליד) — — — — — — — — — 47
נחמן לעוויץ — יאָסעלע — — — — — — — — — — — 55
אסתר לעוויצקי — יוגנט — — — — — — — — — — — 113

מ

עטל מאַנעוויטש — מיין רייזע — — — — — — — — — 76
שמואל מארקין — מיין לעבן — — — — — — — — — 53
פעסי מילמאַן — פסח — — — — — — — — — — — 72
איטע מילינסקי — ווינטער — — — — — — — — — — 59
בלומע מילער — מיין אידישע דערציאונג — — — — — — 129
חיים מילער — די אידישע שול און איר ווירקונג — — — 128
עוזר מילער — די היים און די שול אין מיין לעבן — — — 124

נ

רייזל נעש — מיין כאַווערטע רוטע — — — — — — — — 40

ס

ברוך סילווערמאַן — צען יאָר שולן — צען יאָר לעבן — — 92
מענדל סילווערמאַן — די אידישע קולטור און די יוגנט — — 120
באשע סלאָבאָדקין — די שלום עליכם שול און איך — — — 115

פּ

חנה שרה פּוטערמאַן — ווי שרה איז געזונט געוואָרן — — 69

פ

אברהם פינק — א רייזע צו דער לעוואַנע — — — — — — 60

ק

אברהם קאהן — מיין לעבן — — — — — — — — — — 48

ר

הינדע ראָזנבלום — הינדע — — — — — — — — — — 106
דוד ראָזנפעלד — מיין רייזע קיין קאָלאָראַדע — — — — — 73

יצחק ראָזנפעלד — מיין אנטווישונג אין דער אידישער שול — 131
אסתר ראָזנשטיין — די מיידעלע — — — — — — — — — 71
יוסף ראָזנשטיין — מיין לעבן — — — — — — — — — — 44
יאָסל ריד — מיינע שול דערפאַרונגען — — — — — — — — 63

ש

עליע שווארץ — אידיש און די אידישע שול — — — — — 77
עליע שווארץ — אַן אומזיסטע אנטווישונג — — — — — 134
יאַנקל שטיינבערג — א ווענדונג צו דער אמעריקאנער אידישער
יוגנט — — — — — — — — — — — — — — — 87
מענדל שטיינבערג — מיין לעבן — — — — — — — — — 50
חיה שרה שניידער — פון מיין קינדהייט — — — — — — — 67
שלמה שעכטמאַן — קינדער יאָרן — — — — — — — — — 57

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגאָ, איל.

379

L. M. Stein Publisher
913 West Van Buren Street
Chicago, Illinois